װערט באַצייכנט אין דעם אויסגעטראַכטן ריטועלן מאָרד אַלס „היו פון לינקאָלן“.

אין דעם דריטן קרייץ צוג ביים סוף פון 11־טן יאָר הונדערט האָט מען שוין געמאַכט פּאַגראָמען אויף די דאַמאָלסדיקע אידן, באַזונדערס אין לאָנדאָן און אין יאָרק. מען האָט זיי אָפּגערויבט און זיי זענען פאַראָרימט געוואָרן. די אָנפירער ין לאַנד האָבן זיך געניטיקט אין קאַפּיטאַל, האָבן זיי אַרויפגעלייגט אַ באַזונדערן שטייער אויף די אידן, און כדי, וואָס מער פון זיי צו באַקומען געלד, האָט מען זיי איזאָלירט און מען האָט זיי געצוואונגען צו טראָגן אַ באַזונדערן אָפּצייכן. די ערשטע געלע לאַטע. דאָס האָט די דאַמאָלסדיקע הערשער געגעבן אַ מעגליכקייט זיי צו עקספּלואַטירן און וואויל צוגעפּעלן אין די אויגן פון די קרייץ ליפּער, און ריטער גלויביקע. די אידן האָבן דאַמאָלס באהבה אָנגענומען זייערע ליידן און האָבן זיך נישט אַסימילירט און נישט אָפּגעטרעטן פון זייער גלויבן. דאָס איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון „דזשאָן“ ביים סוף עלפטן יאָר הונדערט און אָנהויב צוועלפטער יאָר הונדערט אויך אונטער „העגרי דער דריטער“. די ענגלישע לאָרדן האָבן דאַמאָלס געפירט קריג צווישן זיך און די אידן פון יענער צייט האָבן ביטער געליטן. זיי האָבן געהאַט אויף זיך אַ בלוט בלבול און האָבן שוין געטראָגן די געלע לאַטע. דער האַנדל מיט געלד איז אויך געוואָרן שוואַכער, ווייל עס האָט אין יענער צייט אָנגעהויבן אַריינקומען קאַפּיטאַל פון איטאַליענישע באַנקירן. די אידן זענען געווען געצוואונגען צו בלייבן איזאָלירט אַלס רעליגיעזע גרופּן, פאַראָרימטע און באַליידיקטע, זיי האָבן פאַרויס־געזען דעם אָנטגילטיקן גרוש, און זיי האָבן זיך געגומען גרייטן צו אַ לעבן אַלס מאַראַנער. זיי האָבן געקליבן צווישן זיך די שטאַרקסטע כּוחות און האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער קריסט־ליכער רעליגיע און האָבן געפּלאַנט זייער טאָפּלט רעליגיעז לעבן.

ווען מען האָט די אידן אַרויסגעטריבן פון ענגלאַנד אין יאָר 1290 זענען 5 טויזנט פון די דאָזיקע אידן געבליבן, און האָבן געפירט אַ מאַראַנער לעבן, ביז צו דעם 16־טן יאָר הונדערט. עס איז אויך געווען אַ געשלאָסענע אינהייטליכע מאַראַנען קאָלאָניע אין ענגלאַנד, אָבער זי איז צעפאַלן געוואָרן אין אָנהויב זיבעצנטן יאָר הונדערט מנשה בן ישראל, וועלכער האָט אויסגעפּוילט רעכט פאַר אידן אין ענגלאַנד אין יאָר 1655 אין דער צייט פון קראָמוועל, האָט די דאָזיקע ענגלישע מאַראַנער צוריקגעבראַכט צום עפנטליכן אידישן לעבן. ער האָט פאַרייניקט יענע וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט און די פרייע צו איין קהילה אין יאָר 1664. די ערשטע ספרדישע קהילה איז דאַן פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם געזעץ, וואָס מנשה בן ישראל האָט אויסגעפּוילט, מיט ניי געקומענע רייכע אידן, וואָס זענען געקומען פון מערב אייראָפּע, און פון אשכנז דייטשלאַנד. אין יאָר 1690, האָט מען אויסגעבויעט די ערשטע סינאַגאָגע אין לאָנדאָן, און דער געשיכטליכער פּראָצעס פון דער אידישער אַסימילאַציע האָט אָנגענומען נייע פאָרמען.

## בערל ראָזנער, ע״ה

בערל ראָזנער, פאָרזיצער פון דער בונדישער גרופּע אין לאָנדאָן, איז פרייטאָג, דעם 16טן אָקטאָבער, 1964, פּלוצלינג געשטאָרבן. אָט די ידיעה האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף אַלע זיינע חברים און פריינט.

אין פאַרלויף פון איבער פופציק יאָר אין אונזער יישוב איז בערל ראָזנער געווען זער אַקטיוו אין אַרבעטער־אינטערעסן און קולטור־ענינים.

---

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט שבת — 3 אזייגער

שבת, דעם 24'סטן אָקטאָבער — אַ פאָרטראַג פון בעלאַ ווײַנער.

שבת, דעם 31'סטן — יהודה ביעטש ע״ה, מ'וועט לייענען ביעטשס דערציילונגן און ריידן איבערן נפטר.

שבת, דעם 7'טן נאָוועמבער: 100'טער געבורטסטאָג פון קליינעם מענטשעלע פון מענדעלע מוכר ספרים.

שבת, 14'טן — אַ פאָרטראַג פון סעם לעוו.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 396) פינף און צוואַנציקסטן יאָר דעצעמבער 1964 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

חנוכה־לידער, אונזער יאָר־בילאַנסל 1964 ..... ** 1
די צוויי געשיכטעס וועגן חנוכה (עסיי) ..... י. ריכטיגער 6
ריטם (ליד) ..... יוסף לעפּטוויטש 9
דור דור ודרשיו (לכבוד חנוכה) ..... א. ב. לאַנדמאַן 10
יהודה ביעטש ע.ה. (מיין ערשטע באַגעגנונג מיט אים) ..... משה בעקערמאַן 11
יהודה ביעטש ע.ה. (אַן אָפּהאַנדלונג) ..... אייזיק גאָלדבערג 14
פון תוהו ובוהו אַרויס . . . (פּראָזע) ..... א. נ. שטענצל 17
וולאַדימיר גראָסמאַן — אַכציק יאָר ..... אהרן ר. ראַלין 35
קולטור־ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ..... 40

---

דער קולטור־קאָמיטעט פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און דער פאַריין פון יידישע זשורנאַליסטן און ליטעראַטן, ענגלאַנד לאַדן איין צו אונזער

## לעבעדיקע צייטונג

זונטיק, דעם 13־טן דעצעמבער, 1964, פּונקט 3 אַ זייגער אין
21 Dean Street, London, W.1.

אונטער דער רעדאַקציע פון י. נאָטאַני

1. לייטאַרטיקל — דער רעדאַקטאָר
2. יידיש לעבן אין מעקסיקאָ — א. גרינבאום
3. איינדרוקן פון אַ באַזוך אין ניו־יאָרק — מ. זילבערבערג
4. אַמסטערדאַם — אַמאָל און היינט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי — קומט אין צייט

---

## פּרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stengl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press*
129-131 *Cavell Sreet, London. E.1*

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער הונדער יאר מענדעלע מוכר־ספרים איז געפייערט ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאג אײַנגעאָרדנט פון „פריינט פון יידיש לשון" און ביי דער לעבעדיקע צייטונג — זשורנאליסטן־פאריין און יידישער וועלט־קאנגרעס.

• • •

מנחם רובין, א באקאנטער יידישער פאעט אין אמעריקע האט זיך באזעצט ביי אונז אין לאנדאן, מיר האפן, אז ער וועט זיך איי־לעבן אין אונזער קאלטער סביבה און זיין א מיט־העלפער אין אונזער ארבעט.

• • •

דער היסטאריקער און יידיש־וויסנשאפט־לער י. טרונק איז געווען א גאסט דא ביי אונז אין לאנדאן און אויפגענומען ביי א גלעזל־טיי מסיבה פון ייווא־טוער אין לאנ־דאן, דער סעקרעטאר מיכאל זילבערבערג האט דעם חשובן גאסט פארגעשטעלט. דעם פארזיץ האט געפירט דר. אהרן שטיינבערג. דער גאסט איז ווארעם באגריסט געווארן פון קאמיטעט־מיטגלידער פון ייוו״א.

• • •

שלמה דזש־קאוויסקי, א קולטור־טוער אין וואלבזשיק האט ביי די שבת נאָכמיטאגס אפגעגעבן א ווארעמען גרוס פון יידישן־קולטור לעבן אין די יידישע ישובים פון די שטעט דארט און אויבערשלעזיען אין פוילן.

• • •

בעלא ווײַנער, וואס האט פארברענגט איי־ניקע וואכן אין רומעניע האט געהאלטן א פארטראג ביי די שבת־נאכמיטאגס איבער יידישן ישוב אין רומעניע, דערציילט פון יידישע שרייבער דארט, פון יידישן טעאטער, קולטור־לעבן און יידישע שולעס.

• • •

יוסף לעפטוויטש איז אויף א נסיעה אין ישראל.

• • •

דער באקאנטער רב פון ועד־הרבנים הרב מיכאל פישער מיט זיין פרוי זיינען געפארן קיין ישראל צו דער חתונה דארט פון זייער טאָכטער — א הארציקן מזל טוב.

• • •

אונזער פריינט אברהם בערמאן ווערט דעם חודש אלט 90 יאר, מיר ווינטשן אים א שיבה־טובה, עד מאה ועשרים.

• • •

אונזער פרץ־אוונט און בן־אורי, און וועל־כן עס האבן זיך באטייליקט דער באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג, דער זינגער מאיר באָגדאנסקי, די רעציטאטאָרן אייזיק גאָלד־בערג און נעט רובין איז אדורך מיט גרויס ערפאלק.

• • •

פארן 10'טן יאנואר, זונטיק אָוונט 8 אזייגער, ווערט צוגרייט א מענדעלע אוונט, אין בן־אורי, איינגעארדנט פון פריינט פון יידיש לשון. בערנער סטר. 21, וועסט ענד.

• • •

אין ארבעטער־רינג איז אפגעראלטן די 20/סטע יארצייט פונם מארד פון יצחק קא־צענעלסאן. גערעדט האט יעקב זאנטאג, גע־לייענט פון „אויסגעהרגטן פאלק" האט אברהם האלאנד און מ. ריינער (פון זאטאגס ענגלי־שע איבערזעצונג) דעם פארזיץ האט געפירט עלעק וואטערמאן.

• • •

חנוכה־פייערונגען זיינען אפגעהאלטן גע־ווארן אין ווייטשעפל: ביי די יידיש ליטע־ראַרישע שבת־נאכמיטאגס, ביי די פועלי־ציון, וויצ״א זקנים־קלוב, די פרויען־בראַנ־דזש ביי ארבעטער האט געהאט א טאנץ־אוונט אין אדלער־האל.

• • •

די שבת נאכמיטאגס האבן געווידמעט א שבת נאכמיטאג די שאפונגען פון י. ביעטש ע.ה. געליינט ביעטש דערציילונגען האבן מנשה ווייסגראז און נעט רובין. דעם 16 דעם חודש איז א יזכור אוונט צו די שלושים פון י. ביעטש ע.ה. אין בן־אורי איינגעארדנט פון בן־אורי און פריינט פון יידיש לשון. מיטוואך, דעם 16'טן דעצעמבער 8 אזייגער בערנער סטר. 21, וועסט־ענד.

• • •

די בונד־גרופע אין לאנדאן האט אין ארבע־טער־רינג אנגעהאלט א טרויער־פערזאמלונג צו די שלושים פון בערל ראזנער ע.ה.

• • •

יעקב ריכטיגער איז צוריקגעקומען פון א לענגערע נסיעה אין אמעריקע.

• • •

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 396) פינף און צוואנציקסטן יאר דעצעמבער 1964 לאנדאן


## מנורות

מאנדל־ביימלדיק — כפתר ופרח!
זהב טהור געהעמערט זיבן רערן;
און פאר די קדושים זעקס ארעמדיק,
לויטער געגאסן פון גליאיקע טרערן —
„מי כמוך באלים ד'" — —
נר־תמיד'ס צו לייכטן נישט אויפצוהערן.

די „ששה נרות" אין מקום־קדוש,
אין שול, אין בית־המדרש פארן עמוד —
זעקס נשמה־ליכט פאר די זעקס מיליאן:
שויתי ד' לנגדי תמיד — —
די שכינה־הקדושה אין איר טלית,
איינגעהילט אין שווארצן אבלות־אומעט.

דער עמבלעם פון מלכות־ישראל —
א מנורה! אונז תמיד צו דערמאנען,
אין די מכבים, אין די קדושים!
שטיין ווי דעמלט אין בית־מקדש געשטאנען,
זהב טהור, געהעמערט און געלייטערט,
אז א גאט וואס טוט נסים ס'איז פאראנען.

תמיד אלע יאר, ס'קומט חנוכה,
מיין טאטנס מנורה שטייט מיר פאר די אויגן:
א שאקלדיק פייגעלע אויף א רייפל,
פליגעלעך צעשפרייט פון פלאמען געפלויגן,
ס'קריגעלע בוימאייל — ס'נס ביי דער זייט,
אלט ווו דער גלות צעקנייטשט און צעבויגן.

ווו איז זי אצינד מיין טאטנס מנורה
אכטליכטלעך — אכט אויסגעלאשענע שטערן!
האט ער זי חנוכה אנגעצונדן,
א בית־מקדש אונזער שטובל פלעגט ווערן;
א מכבי־העלד איך בין געווארן,
זיין „מעוז־צור"־ניגון נאר דערהערן.

## דער חלום פון אנאציאנאל - אסימילאנט

...אז אויסגעקוילעט יידן פון די שטעטלעך,
און אין די שטעט איצט צווישן ס׳גייעס פארמישט,
איז נאך א דור, העכסטנס א צוויי דורות נאך,
און דער ייד אין די תפוצות איז אפגעווישט.

די לעצטע סאטמארער, גערער, בעלזער בערד
גלאט־אפגעגאלט, נישט, חלילה, אויסגעפליקט;
די נאציס טאקע איז נישט געלונגען,
אבער א מעשה, אז מען טוט זיך אפ — גליקט!

און די צוויי דריי מיליאן יידן אין ישראל?
ככל הגויים, א פאלק דארט אין אריענט:
א ישמעליקל מיט געשניצט וואנסעלע,
אן עשיו מיט צוויי פעסטע ידיים־הענט.

לאיהודים היתה אורה ושמחה —
וואס מיר נאר געוואלט, האבן מיר אויסגעפירט!
אז אויף א רפואה א יידיש ווארט נישטא — —
א, נישט געשמדט זיך, חלילה — אסימילירט.

## „זייאניסטן“

„די דייטשן האבן פאר מדינת ישראל
אסך מערער געטון ווי די יידן“.*
ניין, ס׳איז נישט געווען אזא הניפהלע,
שילומים־צאלער שטעלן צופרידן.

נאר טאקע באמת, וואלטן מיר איצט,
די זעקס מיליאן נפשות נאך פארמאגן,
ווי וואלט ס׳קליינע מדינהלע ישראל,
אזא גרויס־תפוצה געקענט דערטראגן.

מילא די זעקס מיליאן אין אמעריקא,
„היברו“־חינוך און פטור אן עסק!
זיי צו ליקווידירן ברויך מען נישט ערשט,
דעם דייטש מיט זיין טיכטיקייט און פלייסיק.

אבער די „מאושלער“, די יידיש־פלאפלער,
דעם קשי־עורף בייקומען צו קענען — — —
תרבות, שקצים! שקט! אן עם ולשון,
א פאלק צווישן פעלקער, איצט מיר זענען.

---



## נס גדול היה שם

אן די מאמע רחלס קבר, אן הר המוריה,
ירושלים אין מרה־שחורה אויסגעגאנגען,
ווען נישט די פרייד־צעוויגטע מאה־שערים־געסלעך,
אין די קינדיש־צעפלאטערטע מאמע־לשון קלאנגען.

„אייזיק מזיק די באבע טאנצט א קאזאק, זעט א־זעט“,
זינגט אראפ פון א צוועלף־שטאקיגע געביידע,
גליאיק אויפגעגאנגען אין ריח־נחוח פון סמאלע
ס׳שמירט שוין דעם דאך א היימישער בלעכער, א זיידע.

בלייבט ער שטיין א ווייסע טייב מיטן פנים צום כותל,
זיין הארץ צעוויגט זיך — א צעוויינט ווארקנדיקער ניגון:
אז איך האב זוכה געווען צו שטיין אזוי אויבן,
און רחלס קבר פארווארפן ערגעץ ווו זאל ליגן — — —

מאמע לשון אונזערס, שיר־השירימדיק צעזונגען —
שמן־זית געגאסן פון אין כלי אין צווייטן — —
ירושלים אין דיינע פרייד־צעזונגטע געסלעך,
קומט משיח אויף א ווייס פערד אלע פארנאכט צורייטן.

## בזמן הזה

דער נס בזמן־הזה, אין אונזערע טעג,
נישט א קריג שמן־זית געפונען —
גבורים זייער בלוט אייליק פארגאסן,
און א ברענענדיקן קריג געוווּנען.

נישט א קריג — גופים אין דער ערד באגראבן!
זתים ביימער זאלן זאפטיק וואקסן;
ערשט דער נס: אויסגעטרוקנטער שארבן ערד,
מיט שווייס צעווייקט ווי מיט רעגן שלאקסן.

## נאך אכט שורות

ווי די חשמונאים, ווי די מכבים,
אין אונזער געשיכטע זיי וועלן אריינגיין;
זייערע נעמען מיט גילדענע אותיות,
וועלן גרויס און הייליק פארשריבן דארטן שטיין.

נישט ווייל אלופים, עקסעלענצן, פקידים —
זוכה געווען די ערשטע חלוצים צו זיין!
יא, נישט עולה געווען זיינען זיי העמלט —
עולות, בראנדאפערס, גאר אינגאנצן אויפצוגיין.

## דער נס פון קריגעלע בוימאייל

(פאר פראדעלען פון דער פרץ־שולע אין וואלבזשיק)

צעבראכן דאס פערחתמטע קריגל,
דער שמן־זית בוימאייל אויסגערונען.
א שערבעלע דא, א שערבעלע דארט — —
זע, איינגאנצן צוריק זיך אפגעפונען.

וויפיל מאטערניש, וויפיל צייט און מי,
וויפיל לעבנס דערפאר אוועקגעגעבן,
שטיקל ביי שטיקל צונויפצוזאמלען,
און קונציק צוריק צוזאמען צו קלעבן.

אבער וווּ דער שמן־זית־בוימאייל,
אנצופולן ווידער ס'ליידיקע קריגל?
וווּ דער כהן־גדול, וווּ זיין חתימה,
צו פארזיגלען גוט מיט הייליקן זיגל?

פינסטער, פארקוועטשטע, טריפן און טראָפּן,
טוי־בלוי איבערלאָפּענע, איילבירט אויגן — —
בלויז געקענט נאך דאס הארץ ארויסנעמען,
פאר א חתימה ס'וואלט אפשר דאך טויגן.

## מר מדלי . . .

(דאס אכטע לידל צו אונזערע ברידער אין סאוויעט־רוסלאנד)

ס'שמיר־אייל זיין אויף אלע רעוואלוציע־רעדער,
אלעמען דערלייזן און אליין פארשווינדן?
אונטערגעלייגטער דינאמיט אויפצורייסן,
נישט ס'הייליקע קנייטל ליכטיק אנצוצינדן?

אלע איילן דארט, חלילה, טמא ווערן,
איין קריגעלע דאך וווּ, צווישן פעלזן־שפאלטן,
מיט דער חתימה פון אונזערע אותיות,
בענטשנדיקע הענט, הייליק נאך אויסבאהאלטן.

## דער שמש . . .

(די אכט שורות נעט רובינען דעם סעקרעטער פון „לשון און לעבן")

די אכט ליכטלעך וואלטן געבליבן פינסטער
ווען נישט דער שמש וואס צינדט זיי אן —
ער קלאפט פון הארטן קיזלשטיין דעם פונק אויס!
הער, אין חשכות דעם אויפקרייענדיקן האן:



„יידן שטייט אויף צו עבודת הבורא,
ווי דעם וואס פארשלאפט זיינע לעצטע שעה'ן".
ווען נישט ער, דער שול־קלאפער מיט דער לאמטער,
קיין מזרח־וואנט, קיין פני, קיין אויבנאן.

## אונזער יאר בילאנסל 1964

יאקאש קייקלט זיך נאך אלץ אונזער קא־עקסיסטענצל צוזאמען מיטן גאנצן וועלטל — אקארשט נישט ערגער! טאקע אזוי ווי אין פסוק ס'שטייט: „תולה ארץ על בלימה".

אבער דאך וויפיל מיליאנען פונטן האט אפגעקאסט אונזער „דזשואיש רעלידזשן בלויז, און בלויז אין מלכות ענגלאנד אליין, און אין יאר 1964 אליין; און וויפיל הונדערט טויזנטער פונטן — דער „חינוך", דער „היברו־טישונג" בלע"ז. און דאגעגן וויפיל האט גאנץ קאקעלע קהל „אריינגעלייגט אין דער יידישער קולטור דא — אפילו נישט קיין „חי־ק"ק ס'פלאווינע". און נישט נאר מיניסטערס פון גרויסע מדינות, נאר ס'מינדסטע „מיניסטערל" פון א וויטשעפל שולעכל ווייסט: „ווער ס'האט די מאה דער האט די דעה" . . .

און יאַקאַש איז דאס יאר 1964 שוין עליו השלום און מיר לעבן נאך אלץ, ברוך השם און מיר מוטשען זיך נאך מיט דעם ביסעלע וואס מיר מוטשען זיך, נישט צו פארזינדיקן.

פארוואר, מ'ווערט מיט אמת פרעגן: ווער ברויך נאך דא יידישע קולטור? וועל מיר אויך יידישלעך צוריק פרעגן: און ווער ברויך די אטאם באמבע? און דאך פארברויכט זי נאך מער מיליאנען ווי ס'גאנצע ביסל רעלידזשן אינ־גאנצן גענומען און דעם חינוך שוין צו גערעכנט.

יא, עס איז זה לעומת זה: זיי שיקן קאסמאנאוטן צו דער לבנה און מיר טאנצן איר אנטקעגן „שלום עליכם, עליכם שלום, שלום עליכם, עליכם שלום".

און אז אין ווייטשעפל קלאפט נאך דער יידישער דופק איז דאך א סימן אז אין תל־אביב, אין ניו יארק, אין בירא־בידזשאן און אין בואנעס־איירעס צאפלט נאך א יידיש הארץ און ווו נאר א יידישער ישוב געפינט זיך רירן זיך יידישע אברים, א והא ראיה, נעמט א יידישע צייטונג פון פוילן, א זשורנאל פון טשילי, וואס פארמאגט אויך קוים א 25 טויזנט יידן, און פארגלייכט מיט ווייטשעפל.

• • •

אויב די יידישע ליטעראטור וועט לעבן אייביק? אבער זיכער וועט זי איבערלעבן די אלע „רעליזשען"־פאליטיקער און חנוכיסטן, וואס שרייען יידיש שטארבט; ווארים נישט נאר זיינען אונזערע קלאסיקער אומשלערבלעך, נאר מער ווי אויף אונזערע פינגער קאן מען אנציילן יידישע שרייבער וואס זיינען אומשטערבלעך, און ערשט אזעלכע וואס רעדן זיך איין, אדער מ'רעדט זיי איין...

אבער דער אמת איז, אפילו אויף אונז, אויף די יידיש־הורא שרייערס קאן מען זיך אויך שוין נישט א סך פארלאזן; ווייל א סך מאל דאכט זיך, אז מיר שטייען ארום, ארום אונזער ספרים־בידל, ווי א חברה גנבימלעך ארום א וואגן

מיט עפל, א טייל לארמען, מאכן זיך קויפן, די אנדערע זאלן דערווייל לאטכענען און מאכן א ויברח.

יא, ווי איר זעט גלויבט מען שוין נישט די אייגענע צען פינגער צומאל. אפנים טאקע ווי געזאגט: דאס קא־עקסיסדענטצל אונזער גייט טאקע צוזאם מיטן גאנצן היינטיקן וועלטל אונזערס — מיר לעבן אפנים אין אזא יאר הונ־דערט!

וועלן מיר לאזן די רעליגיע, די דערציאונג ביי די מיליארדן און מיליאנען, וואס צו גאט איז צו גאט און צו לייט איז צו לייט און מיר וועלן זיך אנגיין מיט אונזער אייגענעם חשבון הנפשל: ערלעך איז טאקע שווערלעך, אבער סוף כל סוף וועט די גאנצע קולטור און די ליטעראטור אן א קאפ ערלעכקייט אויך נאר זיין גנב און שווינדל און פאליטישע מאכערייקע.

אפילו פאטשערקע־מאכער (ווי לאנג זיי זיינען נישט קיין שווינדלער) זיינען נישיק, ווייל אז מ׳מאכט נאך איז ערשט א סימן, אז ס׳איז פאראן אמתע פערל...

די אונטערשטע שורה, דער סך הכל אזוי צוזאגן: מיר גרייטן זיך צו גיין אזוי עד סוף כל הדורות, אין די אייביקייטן אריין, אבער לאמיר דערווייל קודם האבן ס׳ביסל כוח אויסצוהאלטן א ניי יאר, אזוי גוט — אקארשט נישט ערגער! — ווו דאס אלטע, און ווייטער, וועלן מיר יאקאש זען.

## י. ריכטיגער

## די צוויי געשיכטעס וועגן חנוכה

מיר האבן היינט צוויי געשיכטעס וועגן חנוכה, וואס זענען פארפאסט געווארן נאענט צו דער צייט פון די געשעענישן. די ערשטע געשיכטע זאל האבן געשריבן געווארן, לויט ווי רב שמעון קיירא דערקלערט אין זיין ספר הלכות גדולות — הלכות סופרים, פון די זקני בית הלל און בית שמאי ארום זיבעציק יאר פארן צווייטן חורבן. די געשיכטע־באהויפטעט ער — האט מען ניט איבער־געגעבן לדורות, ווייל זי איז פארלוירן געגאנגען, און גרעץ זאגט, אז די גע־שיכטע איז דער צוריק געפינענער ספר מכבים־א אדער חשמונאים־א. אין חשמונאים־א האבן די פארפאסער באשריבן, דעם העלדישן אויפשטאנד פון מתתיהו, דער כהן פון מודעין, מיט זיינע פינף זין — יוחנן הקדשי, שמעון התסי, יהודה המכבי, אלעזר החורני און יונתן הופסי — קעגן דער שמד גזרה פון אנטיוכוס עפיפאנוס. ווי אזוי זיי האבן פארטריבן די יידישע טמאים פון בית המקדש, איינגעשטעלט לדורות די אכט טעג חנוכה צום אנדענקן פון חנוכת המזבח, און געפירט פינף און צוואנציק יאר מלחמות קעגן מלכות יון הרשעה, ביזן אומקום פון מתתיהוס לעצטן זון שמעון חשמונאי.

די צווייטע געשיכטע וועגן חנוכה איז אין פארעם פון א בריוו, וואס די יידן פון ירושלים זאלן האבן געשיקט צו די יידן אין מצרים, בעטנדיק זיי צו פייערן אין חדש כסלו אכט טעג חנוכה צום אנדענקן פון חנוכת המזבח. די געשיכטע איז מכבים־ב אדער חשמונאים־ב און די פארפאסער האבן בלויז באשריבן די מלחמות פון יהודה המכבי, הגם מיט מער איינצלהייטן ווי אין חשמונאים־א, אבער אויך אקולטיסטישע חלומות, אדער דערשיינונגען פון



צייכענס אויפן הימל, וואס זאלן האבן פאראויסגעוויזן פארשידענע געשעענישן. אחוץ דעם עטלעכע דעטיילירטע דערציילונגען וועגן יונישן בארבאריזם, די אכזריותדיקע פייניגונג און קרייצונג פון פרויען מיט זייערע זייגלינגע, וואס האבן זיי געלאזט מל זיין, די פארמוטשעניש צום טויט פון אלטן געלערנטן אלעזר, וואס האט אפילו ניט געוואלט עסן כשר פלייש געגעבן אים, כדי דאס פאלק זאל ניט מיינען אז ער עסט חזיר. און דער מסירת נפש פון א פרוי, וואס האט צוגעקוקט צום בעסטיאלישן אומברענגען פון אירע זיבן קינדער און ניט געוואלט הייסן זיי עסן חזיר פלייש, כדי צו ראטעווען זייער לעבן. (חשמונאים־ב. ר׳ און ז׳)

אגב געפינט זיך דער לעצטער עפיזאד, וועגן דער מסירת נפש פון א פרוי מיט זיבן קינדער, אויך צווישן די טרויעריקע פאסירונגען פון צווייטן חורבן באשריבן אין די תלמודים און מדרשים. דארט ווערט די פרוי אנגערופן חנה אדער מרים בת נחתום, דער באצווינגער איז געווען קייסער אספסיונוס פון רוים, ניט דער יונישער קעניג אנטיאכוס אפיפאנוס, און ער האט פארלאנגט פון די קינדער זיי זאלן זיך ביקן צו א צלם, ניט זיי זאלן עסן חזיר פלייש. (גיטין נ״ז, איכה רבתי פ״א נ״ג) מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען, אז מען האט די מעשה צוגעטראכט און איר פארשפרייט צווישן פאלק, כדי יונג און אלט זאלן זיין גרייט צו לאזן זיך אומברענגען און ניט עובר זיין אויף א פארבאט פון דער תורה, ווען געצווינגען אין צייט פון שמד. אז ביידע עפיזאדן וועגן מסירת נפש, דער פון די פרוי מיט אירע זיבן קינדער, און פון דעם אלטן געלערטן אלעזר, זענען ערשט שפעטער אריינגענומען געווארן אין חשמונאים־ב, ווייזט זיך ארויס פון דעם וואס יוסיפון—פלאוויוס יאזעפוס ציטירט אלע געשעענישן פון חשמונאים־ב, אויך די בארבארישע קרייצונג פון די פרויען מיט זייערע קינדער, ניט דערמאנענדיק די צוויי עפיזאדן. (אלטערטום פון די יידן, בוך 12, קאפ. 5)

מערקווערדיק איז אויך דאס, וואס אין חשמונאים־ב ווערט מתתיהו, דער כהן פון מודיעין, ניט דערמאנט, הגם ער איז געווען דער ערשטער פון גאנצן העמאלטיקן יידישן פאלק זיך אנטקעגן צו שטעלן די באצווינגער פון מלכות יון הרשעה און דער איניציאטאר פון ווידערשטאנד. אמת דער שרייבער באהויפטעט, אז דער בריוו אדער חשמונאים־ב, איז א פארקירצונג פון דער געשיכטע וועגן חנוכה וואס ישוע הקירני האט פארפאסט אין פינף טיילן. (חשמונאים־ב, ב׳) אבער ער האט אויך פארפעלט אנצודייטן, אז יהודה המכבי מיט זיינע ברידער זענען געווען כהנים, און די סיבה פון די יארן לאנגע מלחמות איז צו גרעסטן טייל ביי צושרייבן, וואס די קארופטירטע און אראפגעזעצטע כהנים גדולים האבן מיט דער הילף פון די יונים געוואלט צוריק נעמען די כהונה גדולה פון יהודה המכבי און זיינע ברידער.

מען דארף וויסן, אז מתתיהו, דער כהן פון מודעין, איז דעמאלט געווען דער ראש פון דער כהנים משפחה יהויריב, וואס זאל האבן געשטאמט פון אביתר, וועמען שלמה המלך האט פארטריבן פון דער כהונה גדולה, ווייל ער איז געווען צווישן די אונטערשטיצער פון טראן פרעטענדענט אדוניה בן חגית,

דוד המלך עלטערן זון, ווי אויך, זאל אביתר האבן געווען פון בית עלי. מלכים־א, ב׳, ירושלמי סוכה פ״ד ה״ה) און אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש איז די כהנים משפחה יהויריב ווידער דערווייטערט געווארן פון דינען אין בית המקדש דורך די לעצטע נביאים, ווייל קיינער פון איר האט זיך ניט אומגעקערט קיין ירושלים מיט זרובבל פון גלות. (תענית כ״ז) דעריבער, הגם די דעמאלטיקע פרומע זענען צופרידן געווען מיטן נצחון פון מתתיהו און זיינע זין איבער דעם מלכות יון הרשעה, דאך האבן זיי געהאלטן אז צו ווערן כהנים גדולים זענען ניט ראוי די כהנים פון דער משפחה יהויריב. דאס האט פאר־בלענדט זייערע אויגן נישט צו זען דעם פארראט קעגן פאלק און תורה פון די אראפגעזעצטע כהנים גדולים, וואס האבן געשטאמט פון דער כהנים משפחה יהוצדק, ווי מען זעט דאס פון די ווייטערדיקע ציטירונג —

נאכן ערשטן נצחון איבער דעם מלכות יון הרשעה האט יהודה המכבי פארטריבן פון לאנד דעם פאררעטערישן כהן גדול אליקים, וואס האט מיט געהאלפן מטמא זיין דעם בית המקדש. דריי יאר שפעטער איז ער צוריק געקו־מען אין באגלייטונג פון יונישן גענעראל באקכידעס און האט געשיקט א דע־לעגאציע צו יהודה המכבי, אונטער צו האנדלען וועגן א שלום. יהודה המכבי האט ניט געהאט קיין אמונה אין דעם שלום אנבאט, ווייל זיינע שפיאנען האבן אים געזאגט, אז א גרויסע יונישע ארמיי איז אויפן וועג קיין ארץ ישראל, אבער די סופרים — געזעצלערער און די חסידים — די פרומע, די מנהיגים פון רעליגיעזן יידנטום האבן זיך ניט צוגעהערט צו די ווארענונג פון יהודה המכבי. זיי זענען שטילערהייט ארויסגעגאנגען פון ירושלים און געש־לאסן א שלום מיט דעם בוגד אליקים. זיי האבן געגלויבט אז ער וועט ניט ברעכן די שבועה, וואס ער האט געשווארן — אזוי ווי דער אלמעכטיקער לעבט, וועל איך אייך ניט אפנארן און אימיצן שלעכטס טוען, ווייל זיי האבן געט־ראכט — אליקים שטאמט פון דער כהנים משפחה יהוצדק און איז אן אמתר זון פון אהרן הכהן. אבער אזוי פארט ווי זיי האבן געעפנט די טויערן פון ירושלים פאר אים, איז ער מיט א מחנה יונישע סאלדאטן זיי באפאלן און דערהרגעט זעכציק פון זיי. (חשמונאים־א, ז׳)

אן אפקלאנג פון דעם אליקים פארראט געפינט זיך אין די תלמודים און מדרשים — זיין פעטער יוסי בן יועזר איש צרידה, איינער פון די ערשטע חכמי התלמוד, וואס מען האט אים אנגערופן — „חסיד שבכהונה״: דער פרומסטער פון די כהנים, (חגיגה ט״ז) איז פארשטייט זיך, געווען צווישן די סופרים און חסידים, וואס זענען געגאנגען שליסן דעם שלום מיט אליקים, און ווען אליקים האט געבראכן זיין שבועה איז ער אויך אויפגעשטאנען קעגן די מערדערייען. די יונים האבן אים הערפאר פארמשפט צו טויט, און אין שבת האבן אים די יונישע באצווינגער געטריבן, צוזאמען מיט אנדערע יידן צו ווערן געקרייציקט. שלעפנדיק אויף זייערע פלייצעס די האלצערנע קרייצן. זאל אליקים האבן געקומען צו רייטן אויף א פערד און געזאגט צו זיין פעטער יוסי בן יועזר איז צרידה — זע וואס פאר א פערד מיין האר האט מיר געגעבן צו רייטן און וואס פאר א פערד דיין האר האט דיר געגעבן צו רייטן . . .



די מדרשים ענדיקן די מעשה, — אז יוסי בן יועזר האט אים געענטפערט — אויב דאס איז דער סוף פון די מענטשן וואס זענען מקיים די געבאטן פון אלמעכטיקן, וואס פאר א סוף וועלן האבן די מענטשן וואס דערצערנען אים? האבן די ווערטער פון יוסי בן יועזר געהאט אזא שטארקע ווירקונג אויף אליקים, אז ער האט זיך דאס לעבן גענומען. דערוויל איז יוסי בן יועזר איינגעדרימלט און געזען אין חלום דעם ארון פון אליקים פליען אין דער לופט, האט ער געזאגט: מיט א קורצע ווילע איז ער פריער פאר מיר געקומען אין גן עדן אריין. (בראשית רבה פס״ה־י״ח) אזוי האט מען נאכן טויט רעהאביליטירט דעם פאררעטער און מערדער אליקים, ניט קוקנדיק אויף זיין פארברעכערישן לעבן, ווייל ער האט געשטאמט פון דער כהנים משפחה יהוצדק, און מתתיהוס אור־איניקל, ינאי המלך האט מען אפילו נאכן טויט ניט רעהאביליטירט, ווייל ער האט געשטאמט פון דער כהנים משפחה יהויריב, און ניט געהאט קיין רעכט צו ווערן כהן גדול — ווי יהודה בן גדידה האט געזאגט צו אים, — גענוג דיר די קעניגליכע קרוין, לאז איבער די כהונה קרוין צום שטאם פון אהרן. יוסיפון — יאזעפוס פלאוויוס „אלטערטום פון די יידן״ בוך 13, קאפ. 14, ברכות כ״ט, קידושין ס״ו)

דעריבער, מחמת יוסיפון — יאזעפוס פלאוויוס, וואס האט ציטירט חשמו־נאים־ב, דערמאנט ניט די צוויי עפיזאדן וועגן מסירת נפש און ער באשרייבט אין איינצעלהייט דעם געראנגעל צווישן אליקים און יהודה המכבי וועגן דער כהונה גדולה, („אלטערטום פון די יידן״ בוך 12, קאפ. 10, פאר. 6, חשמו־נאים־א, ז׳־כ׳) וואס אין חשמונאים־ב איז אפילו ניט דא קיין רמז אז יהודה המכבי איז געווען א כהן, מוז מען אננעמען, אז חשמונאים־ב האט מען נאכן צווייטן חורבן איבער רעדאקטירט. ערשט אין די נייע רעדאקציע איז אריינגע־נומען געווארן די פאלקלאריסטישע מעשהלעך וועגן דעם מסירת נפש פון די פרוי מיט אירע זיבן קינדער, ווי אויך וועגן דעם אלטן געלערטן אלעזר, און מען האט ארויסגעלאזט דעם פאקט, אז יהודה המכבי איז געווען כהן גדול אדער בכלל א כהן, וואס די פרומע האבן באשטריטן, ווייל ער האט געש־טאמט פון דער כהנים משפחה יהויריב, וואס שלמה המלך און די נביאים האבן פארטריבן פון דער כהונה.

יוסף לעפטוויטש

## ריטם

גיך מוז מען פילן,
מ׳דארף וויסן אז ס׳איז גיך,
אז מ׳קומט שפעט דארף מ׳קענען מעסטן
ווו מ׳האט פארשפעטיקט זיך.

וואס פארא קאלענדער האט באוועגונג?
וואס איז די דאטע פון אייביקייט?
דער זייגער וואס זאגט אן דעם סוף,
וועט וועקן צו דער צייט.

דער זייגער קלאפט מיט דעמזעלבן ריטם,
ווי די קאסע שניידט דעם קארן.
דער זעלבער ריטם מיט וואס די וועלט,
דרייט זיך אלע יארן.

דער זעלבער ריטם איז אויך מיינער,
איך, דער קליינער איך,
באוועג זיך מיט דעמזעלבן ריטם ווי די פלאנעטן,
וואס וויגן זיך פונקט ווי איך.

## א. ב. לאנדמאן

### דור דור ודרשיו (לכבוד חנוכה)

אויב רייד זענען ניט מער ווי הבל פה, אויב ווערטער זענען ניט מער ווי ווינט־בלאז, איז דאך א פראגע פארוואס ווערן מענטשן אזוי געקיצלט ווען זיי הערן דאס לייכסטע חניפהלע, אזוי, אז מאנכע לאזן זיך קאסטן שיין געלט אזעלבעס צו הערן. האט איר ניט געהערט דעם באוואוסטן רבי ביי דער בר־מצווה פון פלוני אלמוני ווען ער האט אין זיין דרשה ביים קידוש פארגליכן דעם טאטן צו אברהם אבינו נאר דערפאר, ווייל ער האט שנדר׳ט פאר אים גאנצע פינף גינעס און ער, דעם בר־מצווה׳ס טאטע, איז געזעסן און געקוואלן מיט שטאלץ; ווי ער וואלט געזאגט, „איר הערט ווער איך בין?״ כאטש אלע ווייסן, אז ער אין אן אמתער תרח; אז זיין פרוכט־שאפ איז אפן זיבן טאג א וואך; אז ער איז א גראבער כאראקטער; אז עס איז א גרויסער ספק צי ער וועט זיין נדר באצאלן; אז ער האט אלע מעלות טובות פון אברהם אבינוס אייניקל — עשיו!

אבער פארקערט, ווען איינער זאגט אויף עמיצן א קרום ווארט, שטעלט ער אן אויף אים אפאר אויגן, ווי ער וואלט אים וועלן דורס זיין. אויף א ווארט פאר א ווארט פירט דאס אפטמאל צו טרויעריקע קאנסעקווענצן. איז דאך א סימן, אז רייד, ווערטער, זענען פון גרויס ווערט. מות וחיים ביד הלשון.

ווערטער קענען זיין ווי געשליפענע, שיינענדע דיאמאנטן, וואס קענען דערפרייען הערצער. און קענען אויך זיין ווי שטיקלעך צעבראכענע גלאז, וואס זענען אימשטאנד צו צעשטעכן, פארוואונדן און זער שטארק וויי טון. אויב אזוי אויב ווערטער מיינען אזויפיל; אויב רייד קענען אזויפיל אויפטון, איז דאך א גרויסע פראגע — וואס האבן מיר געלערנט פון די אלע רייד, די געשליפענע, געקינסטלטע ווערטער, גערעדטע און געשריבענע נאך די יארן פון דער לעצטער מלחמה?

מען האט גערעדט אויף פארשידענע מיטינגען, קאנפערענצן, סימפאזיומס, פארזאמלונגען; אין שולן, ביי חתונות, בר־מצוות און, רחמנא לצלן, אויף לוויות; אויפן ראדיא, טעלעוויזשן, פיקטשערס, טעאטערס. מען לעזט אין צייטונגען, אין ביכער, ביכער, ביכער, אלע טאג נייע ביכער. און זענען מיר וואס קליגער געווארן? האבן מיר עפעס־וואס געלערנט פון די אלע רעדעס, צייטונגען און ביכער?



ניין! ניט נאר זענען מיר ניט קליגער געווארן, נאר נארישער און ווער וואס א טאג אלץ נארישער . . . און כאטש מיר לעבן אין א צייט, ווען וויסנשאפטסלייט מיט זייער וויסנשאפט האבן געגרייכט אזעלכע הויכקייטן; ווען קונסט האט דערגרייכט אזעלכע הויכע מדרגות, דאך איז ניטא אזא מאלער, וואס זאל קענען אויסמאלן דאס בילד, דאס אמתע קאריקאטוריסטישע בילד פון דעם הייניטיקן יידן.

מען טייטשט דור דור ודרשיו, אזוי ווי דער דור אזוי זענען זיינע בעלי־דרשן׳ס. דור דור ומנהיגיו, אזוי ווי דער דור, אזעלכע מנהיגים האט ער. איז דאס ניט אמאל א פאלשער טייטש? אזיווי יענער קאמאנדיר, וואס ווען ער פארלירט א שלאכט, לייגט ער ארויף די שולד אויף די סאלדאטן. און ווען ער מאכט א נצחון, קלאפט ער זיך אליין אין פלייצע און וויל אויך, אז אנדערע זאלן אים לויבן, אזעלכע קאמאנדירן ווערן אנגערופן אויף דער אמעריקאנער שפראך: „יעללאר״ אויף רוסיש הייסט אזעלכער: „ביעגאפיאי״. אויף לשון קודש הייסט ער: „נבל״. אויף מאמע־לשון רופט מען אזעלכן: „פאסקודניאק״.

דער אמתער טייטש פון דור דור ודרשיו איז: אזיווי דער דורש אזוי איז דער דור — דור דור לפי דרשיו. אזיווי די פירער, אזוי זענען די געפירטע, וואס זענען אזוי פארפירט געווארן.

דערפאר בין איך מיט די געשריבענע ווערטער ניט אויסן די הויך־געשעצטע לעזער, דאס געוויינלעך־אויסהערנדיקע פובליקום, נאר צו די דורשים, צו די מנהיגים ווענד איך זיך יעצט. איך ווייס, אז דאס וועט זיי ניט שמעקן. „וואס הייסט אונז לערער צו לערנען, אונז פירער ארייננצוזאגן? אוי לדור ששופט את שופטיהם!״ איך בין פאלקאם איינפארשטאנען מיט זיי און זאג אויך דאס זעלבע, אז אך און וויי איז צו דעם דור, וואס האט אזעלכע פירער, וועמען מען דארף אזוי ארייינזאגן.

## משה בעקערמאן

### יהודה ביעטש, ע״ה

(מיין ערשטע באגעגענונג מיט אים)

עס איז געווען אין הארבסט, 1950, ווען איך בין נאר וואס צוריקגעקומען פון קעמברידזש קיין לאנדאן, נאך דעם ווי איך האב דארט געלעבט גאנצע צוויי יאר. דאס טונקל־סמוטנע שער־בלעטל פון „לשון און לעבן״ האט מיך נישט אפגעהאלטן פון קויפן דעם זשורנאל יעדעס מאל ווען איך האב געהאט א געלעגנהייט צו זיין אין לאנדאן, הגם לויט מיין חשבון איז דער „בלעק־אוט״ שוין לאנג צוריק געווען אפגעשאפט. אבער דער זשורנאל האט נאך אלץ געטראגן אויף זיך אט יענע סמנים, וואס האבן אזוי פארשווארצט דאס לעבן אין די מלחמה־יארן. די טונקעלע שער־בלעטלעך האבן עפעס געמאכט דעם איינדרוק, אז „לשון און לעבן״ קען זיך נישט ראפטום צוגעוואוינען צו די ליכטיקע שטראלן, וואס האבן זיך אנגעהויבן באווייזן אויפן האריזאנט . . .

אויסגעהונגערט ממש נאך א ניי, פריש יידיש ווארט, האב איך מיך נאכגעפרעגט וועגן יידישע ארגאניזאציעס, און מען האט מיר געראטן צו קומען

אין באַרירונג מיט „פריינט פון יידיש־לשון", וואס האלטן אף זייערע זיצונגען אין ארבעטער־רינג, אויף גרעיט עילי סטריט.

צווישן די טישלעך, ביי וועלכע מען האט געגעסן „סאלדאטסקע" כזיתן ברויט מיט הערינג און פארטרונקען מיט „רוסישער" טיי, און די טישלעך, וואס האבן „געקרעכצט" אונטער די קלעפ פון די דאמינא „טאפל־זעקסן", איז איין טישל געווען באזעצט מיט א פיר־פינף יידן, פארטיפטע אין עפעס אן ערנסטן ענין. דער טומל פון די טיי־טרינקער און „טאפל־זעקסערניקעס" ארום איז געווען אין לשער, אבער ווי עס וואלט זיי נישט געארט זענען זיי עקשנותדיק זיך געזעסן ביים טישל, נאנט איינער צום צווייטן, אז מען האט געקענט מיינען שטערן און בעז וועלן זיך צונויפשטויסן א ליאדע מינוט. לכתחילה איז עס מיר פארגעקומען ווי דאס וואלטן געווען עקסטרעמיסטן אדער קאנספיראטארן, וואס פלאנעווען עפעס אויסטערלישעס! איבערהויפט האב איך געהאט א חשד אויף איינעם, מיט א צעשויבערטן קאפ האר און אין א רוסישער רובאשקע. ער, אזוי האט זיך מיר געדאכט, מוז זיין א קרעמל־חברהמאן, וואס איז געקומען אנמאכן צרות אין ענגלאנד . . . איך האב דעמאלט בכלל נישט געאנט, אז אט דער „קאנספיראטאר" האט זיינע אייגענע צרות ביים ארויסגעבן דעם זשורנאל „לשון און לעבן".

א צופ טוענדיק דער בופעט־באדינערין ביים ארבל, בשעת זי איז פארבייגעגאנגען, כדי זי צו פרעגן ווען די „פריינט פון יידיש־לשון" קומען זיך צונויף, האט זי מיר געזאגט, אז זיי זיצן דארט איינגעבויגן ביים טישל, פארטיפט אין זייערע ענינים. האב איך טאקע נישט געמאכט קיין לאנגע שהיות און מיך „אריינגעשטופט" אין זייער קרייז. דערזעען עפעס אן אומגעבעטענעם גאסט, האבן זיך די אלע רוקנס אויסגעגלייכט און מען האט גענומען מיך אנקוקן (אן פארדאכט, כ׳לעבן); און אזוי צום ערשטן מאל איך מיין לעבן האב איך מיך געטראפן פנים־אל־פנים מיט אן אינטעליגענטער פערזאן, באצירט שוין מיט זילבער־ווייסע האר, וואס האבן זיך געקרייזלט פון אונטן און צוגעגעבן צו זיין שמייכל א באזונדערן חן. עס איז געווען דער אונז אלעמען באליבטער יהודה ביעטש, ע״ה.

שפעטער איז מיר אויסגעקומען מיטצוארבעטן מיט יהודה ביעטש אינם קאמיטעט פון „פריינט פון יידיש־לשון" אין משך פון א לענגערער צייט. תמיד האב איך מיך געוואונדערט איבער דער געדולד, סבלנות און טאלעראנץ ביי אים.

כדי צו זיין א פארזיצער אין א יידישן קאמיטעט דארף מען זיין אדער א מלאך אדער א „גזלן". האבן מיר יידן דאך שוין אזא טבע — אפשר איז עס עפעס א „הייליקער" חוב — אז מען מוז ממש צוהעלפן א רעדנער, ווען ער באקומט דאס ווארט . . . האגלט מען טאקע אויף אזא רעדנער מיט אויסרופן, באמערקונגען, סתם עצות און אפילו זידלעריי, אפגערעדט שוין פון „פוינט אוו ארדערס". אזוי, אז א זיצונג קען זיך, חלילה, פארוואנדלען אין א מאסן־היסטעריע, אין א פשוטער פלוידעריי. וואלט עס מיר אויסגעקומען צו זיין פארזיצער ביי אט אזא זיצונג, וואלט איך מסתמא פשוט ארויסגעשפרונגען פון



דער הויט. ווער ווייסט צי איך וואלט אלעמען נישט געמאכט מיט דער בלאטע צוגלייך אדער גאר צעשמעטערט קעפ מיטן האמער אנשטאט דעם אומשולדיקן טיש. אבער נישט יהודה ביעטש, ע״ה. ווען ער פלעגט זען, אז קלאפן מיטן קליינעם העמערל אויפן שאקלדיקן טישל וועט גארנישט פועלן, אז ער וועט שוין די וועלט נישט איבערמאכן, פלעגט ער אראפנעמען די עלנבויגנס פון טישל, זיך אויסגלייכן דעם רוקן, פארלייגן בהרחבה מיט די הענט און ווארטן, מיט א שמייכל, ביז דער „שטורעם" וועט זיך אויסוועפן. ער האט זיך קיינמאל אזעלכעס נישט גענומען צום הארצן, נישט געארט אים וואס מען האט אזוי ווייניק דרך־ארץ פארן פארזיצער. פון דערפארונג האט ער דאך געוואוסט, אז מיט אזא כל־הנערים טומל וועט מען קיין ענין אויף דער טאג־ארדענונג נישט לייזן. האט ער טאקע תמיד געהאט האפנונג אויף דער צוקונפט.

אין לויף פון די יארן איז אבער אויך די האפנונג ביים אים אפגעשוואכט געווארן, נאר ער האט זיך נישט געלאזט דערשלאגן דערפון. בעת מיינע אפטע וויזיטן, וואס איך האב געמאכט ביי אים לעצטנס אין הויז, האב איך קיינמאל נישט באמערקט קיין שום גרויסע ענדערונג אין זיין פראקטישן בליק אויפן גורל פון יידישן ווארט. מיטן זעלביקן שמייכל אין די אויגן, מיט זעלביקן פארבייגן דעם קאפ אויף דער רעכטער זייט, האט ער אפט באטאנט, אז היות דער יונגער דור דערווייטערט זיך פון אונז, בלייבט פאר אונז איבער בלויז איין וועג — זיך אויסצולעבן אונזערע יארן מיטן געדאנק וואס מיר זענען נישט געשטרויכלט געווארן פון דער אסימילאציע, וועלכע כאפט ארום א גרויסע צאל פון אונזערע אמאליקע יידישיסטן. „פערזענלעך, בין איך צופרידן צו פארענדיקן מיינע יארן מיט האלטן מיך ביים זעלביקן פרינציפ, פאר וועלכן איך האב עקשנותדיק געארבעט מיין גאנץ לעבן".

אין געוויסע הינזיכטן קען מען פארגלייכן יהודה ביעטשן מיט באנטשיע שוויג, אויב נישט נאך העכער . . . איינער האט געטראגן שווערע פעק, כדי צו דערנערן דעם גוף, דער צווייטער — צו שפייזן די נשמה! נאר ביידע האבן עס אנגענומען באהבה און געשוויגן . . . פון איינעם האט מען געמאכט ס׳געלעכטער און גערופן „לא יצלח" בפרהסיה, דעם צווייטן האט מען (אינם פאמיליען־קרייז) גערופן „לא יצלח" בסוד; און ביידע האבן געשוויגן . . . ווען באנטשיע שוויג איז אונטער דער לאסט געפאלן, האבן די רעדער אין גאס געמאכט א סוף צו זיין לעבן; ווען י. ביעטש איז אונטער זיין קולטור־לאסט געפאלן אין גאס, האט דער גאסן־פארקער קיין שליטה נישט געהאט איבער זיין קערפער! ער האט זיך פאמעלעך אויפגעהויבן . . . און געשוויגן. אפילו ווען עמיצער האט אים פארגעווארפן זיינע קליינע פארדינסטן, האט ער דאס אויך אנגענומען פאר ליב און געשוויגן . . .

ווער קען וויסן וואס ער וועט זיך אויסקלייבן ביי דער פמליה של מעלה. אפשר א פוס־בענקעלע לעבן מענדעלע מוכר ספרים אדער י. ל. פרץ.

אסך יידישע שרייבער און קולטור־טוער באשמוצט מען און באליידיקט ביים לעבן, און די זעלביקע רכילותניקעס לויבן זיי נאכן טויט עד לב השמים צום גליק דארף דער אונז אלעמען באליבטער יהודה ביעטש נישט דורכמאכן די

שבעה מדורי גיהנום אויסצוהערן „לויב־געזאנגען“ פון בייזע צינגער . . .

אין משך פון זיין לאנג לעבן האט ער נישט געהאט קיין איינציקן שונא; קיין רכילותניק און קיין אפשפעטער האט נישט געפונען קיין פגימה אויף זיין כאראקטער. ווער נאר עס האט אים געקענט, האט אים געאכט און געשעצט. אט־א די טרויערן נאך אים אויפריכטיק איצט, אז ער איז טויט.

אייביקן כבוד זיין אנדענקען!

## אייזיק גאלדבערג

# יהודה ביעטש, ע״ה

(אן אפהאנדלונג)

עס איז שווער צו שרייבן וועגן דעם פארלוסט, וואס דאס יידיש־קולטורעלע לאנדאן האט געהאט מיט דעם טויט פון דעם הארציקן פריינט, חבר און יידישיסט — יהודה ביעטש. מען ווייסט נישט מיט וועלכע מעלות זאל מען אנהויבן אים פריער צו באצייכענען, ווייל מידות טובות זענען ביי אים געווען, אויסנאמסווייז, זער פיל.

ביעטש איז געווען א זער באליבטער און צוגעלאזענער צו יעדן איינעם. ער פלעגט אלעמען אויסהערן במנוחה, מיטפילן מיט הארץ און נשמה; פאר יעדן געהאט א גוט ווארט און א טרייסטווארט אין א צרה שלא תבא. שוין דער שטענדיקער שמייכל ביי אים אויפן פנים פלעגט אויף יעדן האבן א גוטע ווירקונג. עס איז ממש געווען א נחת־רוח מיט אים צו פארברענגען, צי עס איז געווען אין א פריוואטן שמועס, צי ערשט רעכט אין א דיסקוסיע וועגן ליטעראריש־קולטורעלע פראגן אדער בכלל איבער פארשידענע פראבלעמען.

באזונדערס האט ער זיין גאנץ לעבן געווידמעט דעם יידיש־ליטעראַרישן שאפן, בלב־ונפש עוסק געווען, ווי אן איבערגעגעבענער חסיד, אין די אינטערעסן פון יידישן בוך, פון יידישן לשון און דעסגלייכן. ער האט געלעבט, געאטעמט מיט יידיש. אין זיין וואוינונג האט ער זיך אנגעזאמלט א רייכהאלטיקע, פריוואטע ביבליאטעק סאי פון די אלטע סאי פון די ניי דערשינענע יידישע ביכער, זשורנאלן, צייטונגען, צייט־אויסגאבן און אזוי ווייטער. דאס איז געווען ביי אים א הייליקטום . . .

אליין איז ער געווען א הארעפאשניק, שווער געארבעט, כדי צו דערנערן זיין הויזגעזינט. ער האט אבער אויך געהאט א גרויסע ליבשאפט און טאלאנט צום שרייבן, אפגעבנדיק פיל צייט דערפאר. ערשט אויף די עלטערע יארן זיינע האט ער זיך ערנסט גענומען אויסנוצן זיינע שרייבערישע פעאיקייטן, ווי אבצויאגן אזוי ארום די פארלוירענע צייטן.

ער האט אנגעשריבן א שיינע צאל דערציילונגען אין דעם זשורנאל „לשון און לעבן“. מיט יארן צוריק האט ער אפילו ארויסגעגעבן א גאנץ בוך נאוועלן אונטערן נאמען „אויף שייד־וועגן“. ער האט זיך ארומגעטראגן אויך מיט חלומות ארויסצוגעבן א צווייט בוך, א צווייטע זאמלונג פון זיינע נייע דערציילונגען, וואס, ווי ער האט זיך געאויסערט, זאלן אפשאצן דעם כאראקטער פון דער לעצטער צייט; דאס הייסט, פונם לעבן פון אונזערע אייניקלעך. צום



באדויערן האט ער עס נישט דערלעבט, אז אט דער חלום זיינער זאל זיך פארווירקלעכן.

אויף אן אייגנארטיקן, שיינעם אופן האט ער געשילדערט דאס לעבן פונם היימיש־יידישן שטעטל, צוזאמענגעפארט דעם עמיגראציע־שטראם פון דער אלטער היים מיטן גרויסשטאטישן, לאנדאנער לעבן, אפשפיגלענדיק די קאנפליקטן פון אלטן און יונגערן יידישן דור; באזונדערס דעם דראנג אליין זיך צוצופאסן, פארענגלישן זיך אדער — בעסער געזאגט — פארשמעלצן זיך מיט דער נייער אטמאספערע . . .

דאס יידישע שטעטל, מיט זיינע טיפישע העלדן, האט יהודה ביעטש דא אהערגעשלעפט קיין לאנדאן, און דאס יידישע לאנדאן, אזוי צו זאגן, אזוי ארום פארקליינשטעטלדיקט. אינהעראמתן, זענען זיינע טיפן געבליבן שטעקן אונטערוועגנס, נישט אהין און נישט אהער: ווי ער אליין האט זיך אויסגעדריקט „עד היום אויפן שייד־וועג“ . . .

ווען ער שילדערט, מאלט ער אונז דאס שטעטל, מיט די יידישע געסלעך, מיט דעם טייכל, מיטן קלארן הימל, מיט די ביימער און לאנקעס און אלץ ארום. אזוי זעען מיר אלצדינג ווי לעבעדיק, לעבעדיקע לאנדשאפטן. לייענענדיק, אטעמען מיר אריין אין זיך די גאנצע אטמאספערע פון יענעם מיליע . . .

ווידער, ווען ער פירט אונז אריבער אין דער גרויסער, וועלט־שטאט לאנדאן אריין, האבן מיר אויפסנוי א לעבעדיקע אטמאספערע, הגם א היפוכדיקע. דא האבן מיר רעגן, כמארעס, פאגעס, עפעס אזא מין פארנעפלטן ווינט און וועטער, אזש עס פיבערן ביי אייך די גלידער. אפילו די נארוואס אנגעקומענע קלארע מוחות הויבן אן, אין לאנדאן, פארכמארעט צו ווערן. זייער ארט ריידן ווערט אומקלאר, זייער ריין יידיש ווערט דא א מין יידיש־ענגליש און דאס ענגליש — א מין ענגליש־יידיש . . .

באזונדערס זענען ביי ײי ביעטש אסך דערציילונגען פול מיט ראמאנטיק; עס שוויבלט ממש מיט יוגנטלעכקייט. נאר דא, פארשטייט זיך, האט דער מחבר נישט געוואלט פארלירן זיינע איינדרוקן פון די יוגנט־יארן, און זיי ארויסגעברענגט פאר אונז אויף די עלטערע יארן. פון דער אנדערער זייט, וועלן די לאנדאנער דערציילונגען זיינע האבן א יידיש־געשיכטלעכן ווערט. נאר בדרך כלל טראגן אלע זיינע דערציילונגען א פאלקסטימלעכן כאראקטער.

שרייבן און קולטור־ארבעט האבן אים פארשאפט א גייסטיקע באפרידיקונג. אז מען האט אים געזאגט, אז ער איז געווען ביכולת צו זיין א פראפעסיאנעלער שרייבער, פלעגט ער ענטפערן, אז ס׳איז אים נישט מעגלעך זיך פארצושטעלן ער זאל נעמען באצאלט פאר זיין שרייבן, ווייל דאס שרייבן וואלט דעמאלט געווארן ביי אים א וואכעדיקע זאך, א דבר חול . . .

אחוץ דעם, האט ער געהאט גרויס אינטערעס פאר קונסט־מאלעריי. ער איז אויך געווען איינער פון די מיטגרינדער פון פאריין „בן־אורי קונסטגאלעריע“. מוזיק האט אים אויך אינטערעסירט און אליין געשפילט פידל פאר זיין פערזענלעכער באפרידיקונג. ער האט מיר אליין אמאל געזאגט, אז ווען ער פילט זיך עפעס נישט אזוי גוט, ס׳ווערט אים פריקרע אויף דער נשמה, נעמט ער

זיין ווי‌אַלין און הויבט אָן שפּילן. אַט דאָס טראָגט אים אַוועק העט, העט ווייט . . .

קלאָר, אַז י. ביעטש האָט געהאַט פיל קינסטלערישע נטיות, וואָס זענען אויך געקומען צום אויסדרוק אין וואָרט, אין זיין באַשרייבן און אויסמאָלן זיינע טיפּן מיט ווייערע כאַראַקטער־שטריכן. פּסיכאָלאָגיעס האָט ער אַזוי בולט אַרויסגעבראַנגט, אַז אַלץ האָט באַקומען לעבן און קאָליר. עס איז ממש צו באַוואונדערן וויאַזוי ביעטש האָט פאַראייביקט אַ שטיק לאַנדאַנער לעבן; און גראָד ער, דער נישט־פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, דער בעל־מלאכה מיט זיינע דאגות פּרנסה.

אַ שאָד וואָס אַט אַזאַ מענטש, ווי יהודה ביעטש, מיט אַלע זיינע באַגאַ־בונגען, האָט געמוזט זיך אָפּגעבן זיין גאַנץ לעבן מער מיט פראַגן פון „קמח" ווי מיט פראַגן פון „תורה".

אויך אַלס קולטור־טוער האָט ער געהאַט זיינע באַשיידענע פאַרדינסטן. אַחוץ וואָס ער איז געווען פּרעזידענט ביים פאַריין „פריינט פון יידיש־לשון", האָט ער זיך אויסגעצייכנט אַלס רעדנער און פאָרלייענער פון זיינע אייגענע שאַפונגען ווי אויך פון די אַלטע און יונגע יידישע שרייבער ביי די „ליטע־ראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס". ער איז געווען ענג פאַרבונדן מיט ראַוואַ־סקער־ניעוויצער פאַריין, און אין די לעצטע יאָרן אויך פּרעזידענט.

צו אַט דעם אַלעם איז ער געווען אַן עניו, זער באַשיידן ביי זיך. מיט רעכט האָט דער רעווערענד, ד"ר לעווי, פון דער וועסט־העמפּסטעד סינאַגאָג, געזאָגט ביים הספד, אַז קאָנענדיק יהודה ביעטש שוין אַ שיין ביסל יאָרן, פלעגט ער אַלעמאָל גערן מיט אים דיסקוטירן כלערליי ענינים און באַוואונדערן זיין איינ־טעליגענץ און באַהאַונטקייט אין אַט דעם אַלעם. ביעטש האָט זיך קיינמאָל נישט געריסן נאָך כבוד, געווען אַ מין „באַנטשיע שווייג" . . .

אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַזוי געהאַלטן פּשוט און באַשיידן, האָט ער תמיד געהאַט אַרום זיך אַזויפיל פריינט און פאַרערער אין אַלע קרייזן, וואו מען האָט אים נאָר געקאָנט. ער איז געווען אַ זעלטענע פיגור אין היגן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן — אַן אויפריכטיקער קעמפער פאַר יידישער קולטור און יידיש לשון.

מיט זיין אַוועקגיין פון די לעבעדיקע איז ווידער געוואָרן אַ ליידיקייט, וואָס קאָן נישט אָנגעפילט ווערן.

ווער עס האָט אים נאָר געקאָנט אָדער איז געקומען אין באַרירונג מיט אים, וועט ביים דערמאָנען דעם נאָמען יהודה ביעטש, אים אַלעמאָל געדענקען צום גוטן!

---

## מזל טוב

צו דער חתונה פון אַלפרעד און קירסטען ווייט אַ האַרציקן מזל־טוב דעם יינגען פּאָר און די גאַנצע משפּחה.

א. נ. שטענצל

---

אַ האַרציקן מזל־טוב אונזער פריינט לייבל ביילי צו דער חתונה פון זיין יינגסטן אייניקל.

„לשון און לעבן"



# א. נ. שטענצל

## פון תוהו ובוהו אַרויס

### 2

איבער די מלחמה־יאָרן זענען געווען קוים איבערצוטראָגן. לעבעדיק אַרויס־צוקומען פון זיי מיט געזונטע ביינער האָט געמיינט ממש איבערמענטשלעך — נאָר געטלעכע הענט האָבן אַזאַ איינעם אַריבערגעהויבן איבערן תהום פון טויט, אָדער אין אים אַליין האָבן געאַרבעט טייוואָלאַנישע כוחות — איז דאָס שלום־יאָר, דער ווינטער 1918־19, שוין ממש געווען אַ תוהו ובוהו.

דער אָפּגעשוואַכטער יחיד, צוגעקומען צום ברעג פון דער בלוטיקער וועלט־מלחמה, איז פון דער אויפגעשראָקענער פרייד אַליין שוין, אַ צוזאַמענ־געפאַלענער אין זיך, פאַרזונקען געוואָרן אינעם תהום.

אַן אַלטע וועלט איז אונטערגעגאַנגען און אַ נייע האָט זיך גענומען שאַפן! בחברותא האָט מען זי אויף די חורבות גענומען אויפשטעלן.

שלום, שלום, שלום, האָט מען געטאַנצט אין אַלע גאַסן. אויף „דער גובער־ניע" האָט זיך ביר און בראַנפן ווי וואַסער געגאָסן; און האָט מען געכאַפּט דייטשע סאָלדאַטן, אַן אָפיצירל, האָט מען אים די שליפעס אָפּגעריסן, צוגע־נומען די ביקס, דאָס בלאַנקענדיקע שווערדל. די שכנים אַרום, ס'גייעס, די יידן האָבן זיך געקושט, געהאַלזט: „אויטשיזנאַ נאַשאַ"! „פרייהייט, ברידער־לעכקייט, גערעכטיקייט". אַ רויטע פאָן איז פּלוצלינג אינמיטן אַרויסגעוואַקסן — ס'האָבן פאַרטויבט די געזאַנגען.

און פון אונזער הויף, די חלוצים אויף אַ זיצונג ביי איצקאָוויטשן, די פּאָר גערטנער פון דער „פאַרמע" דרויסן, זענען אַרויס פון יענער זייט הויף און אַריינגעטאַנצט מיט אַ „האָראַ" אינמיטן: „עם ישראל חי, עם ישראל חי".

אַרום די געפאַלענע טראָגן פון די טיראַנען־הערשער האָט זיך געריינגלט ס'האָט געשטורעמט אין גרויס פרייד־געזאַנג. אָבער די ווערטער זענען געווען פאַרשידן, אומפאַרשטענדלעך איינער פאַרן אַנדערן, אַפילו אין דער אייגענער שפּראַך צווישן די אייגענע ברידער.

גרענעצן זענען אָפּגעווישט געוואָרן, פאַרענדערט געוואָרן, אָבער בלוט האָט באַלד ווידער אָנגעהויבן צו פליסן אַן אַ גרענעץ — דער מענטש איז נישט פאַרענדערט געוואָרן.

און איך, בייטאָג אַרויסקוקנדיק דורך דער שויבן־טיר אַרויס צו דער וואַרשעווער גאַס און זעענדיק דאָס מאַרשירן פון די יונגע רעקרוטן, די אַלטע מיט די קלינגענדיקע מעדאַלן; הערנדיק דאָס זינגען פון די פּוילישע סאָלדאַטן־לידער, האָבן זיך מיר די פיס מיטגעהויבן, אין טאַקט מיטמאַרשירט: איז דער זיידע האַלטעק אין טשעלאַדזש נישט צוזאַם מיטן פאָן באַטשע, מיטן שכן דעם אַפּטייקער נישט צוזאַם געגאַנגען מיט אַ האָלצערנע פּיקע און מאַרשירט?

און ביינאַכט ביי איצקאָוויטשן, מיט די חלוצים, ווען מ'האָט דערציילט פון די שומרים, ווי זיי רייטן אויף פערד און שיסן פון די ביקסן, דערציילט פון יידישן לעגיאָן, פונם אָפיציר טרומפּעלדאָר — כאָטש היינט אויף דער נאַכט מיטאַרויסגנבענען און גיין איבער גרענעצן, איבער מדבריות, איבער ימים און

שטיין וואך מיט א ביקס אויפן אקסל, גיין ארויף און אראפ פאר דער מערת־המכפילה — — —

. . . ווען איך בין געקומען צו מיר נאך מיין קראנקהייט וואס האט זיך געשלאפט וואכן און וואכן, האבן „האלערטשיקעס" שוין געשניטן יידישע בערד אין די גאסן פון טשענסטאכאוו. רעדנער אויף די ראגעס, גלחים אין קלויסטער האבן געהעצט צו א פאגראם. א ייד מיט א בארד האט מורא געהאט ארויסהאבן געהעצט צו א פאגראם. א ייד מיט א בארד האט מורא געהאט צוערשט צושטעקן א קאפ פאר דער טיר. איידער ער איז ארויס האט ער זיך צוערשט גוט ארומגעקוקט. מ'איז נישט געגאנגען אין גאס — מ'איז געלאפן! מ'האט זיך אדורכגעשווארצט דורך בייזע, נאכיאגנדיקע בליקן.

די יידישע יוגנט האט זיך געזאמלט, געשטעלט אין די רייען, דערפילט אן אינערלעכע דיסציפלין, געפילט, אז אליין איז מען גארנישט; א פלעצע אין ווינט. זיך האלטנדיק ביי די הענט, איז מען א מחנה, יא, פארשידענע מחנות, מחנה ראובן, מחנה שמעון — אבער אלע צוזאם! די פירער פון אלע פארטייען האבן גערופן, געווארנט, געפאדערט, אבער אין אלע קולות האט געציטערט די שרעק, וואס האט אלע צוזאמענגעהאלטן — פון אלע קולות, פון דעם הייזעריקסטן נאך, פון דעם שוואכסטן האט זיך ארויסגעהערט דער הקול קול יעקב.

דאס פויליש־ראמאנטישע טשענסטאכאוו, יענע אסימילירטע יידן, וואס געדענקען נאך די לעצטע פאוסטאניע, נישט פון הערן־זאגן, פון דערציילן זיך מעשיות, נאר אליין אין איר זיך באטייליקט, מארשירן אין פראנט מיט זייערע ארויסגעזוכטע, פון זשאווער אפגעפוצטע מעדאלן, שטאלץ אויף זייערע אייניקלעך, די סטודענטן אין די קאדעטן־שולעס און אויף זייערע טעכטער, וואס זאמלען די גרויסע פאנדן פאר די יידישע רעקרוטן, אין די ארעמע געסלעך.

צו די פראנטן איז נישט ווייט, די גאנצע פוילישע, נייע מלוכה איז איין גרויסער פראנט! די גרענעצן רינגלען זיך אלץ ענגער. די אוקראינער, די ליטווינער — דער קאמוניסטישער פראנט דערנענטערן זיך.

די יידישע חלוצים האבן געמוזט שווארצן צענדליקער גרענעצן, זיך אנצושליסן אין יידישן לעגיאן! אויב דאס געשריי פון די פוילישע לעגיאנען איז „אד מאזשע דא מאושע", גייט אויף דאס געשריי פון די יידישע שטעטלעך אויף אלע גרענעצן אין ימים פון בלוט.

די ידיעה פונם לעמבערגער פאגראם איז נישט געווען קיין צייטונגסנייעס, אז ערגעץ דארטן ווייט אין אוקראניע, אין וואליניען איז אויסגעבראכן א שחיטה, רוסישע פאגראמטשיקעס, אוקראינער, קאזאקן, שווארצע־מאהניקעס, טשארנע־סאטניקעס — מאכנא, פעטליורא שחטן יידן, נאר ערגעץ דא אין שטאט, אין אונזער שטאט, אין טשענסטאכאוו — עס האט זיך אנגעהויבן אויבן אין דער קראקעווער גאס, נאכן קאשטשיאל. עס רוקט זי, עס רוקט זיך און אט איז עס דא אויף אונזער גאס אויף דער ווארשעווער, אין די „גובערניע" געסלעך . . . לויפן זיי נישט ארום דא די זעלבע „האלערטשיקעס", „פאזנאנטשיקעס" מיט די קינזשאלן אין די פאסיקעס, מיט די שארפע, בייזע בליקן



אדורכצושטעכן.

אז מ'איז ארויס אין גאס האט מען זיך פריער גוט ארומגעקוקט און ביינאכט טירן און טויערן גוט פארהעמערט און פארשלאסן, פארקייטלט און פארריגלט; און די פענסטער פארשטעלט און פארהאנגען — עס האט א פינסטערע אימה געהאנגען איבער יעדער יידישער שטוב.

אין יענער נאכט בין איך געזעסן ביים „זיידנס טישל", צווישן דער שווארצער, גרויסער ספרים־שאנק און דעם ווייסן קאפל־אויוון, און מיט איינגעהאלטענעם, צאפלדיקן אטעם געשריבן אן איין־אקטער „דער לעמבערגער פאגראם".

כ'האב געהערט, אז אין די בעטן שלאפט קיינער נישט, אבער מ'האט זיך מורא א ריר צו געבן, אז דער צווייטער זאל נישט אנגעשטעקט ווערן מיט דער שרעק; אז דער אנדערער, וואס שלאפט אוודאי אויך נישט, זאל נישט הערן, אז ער שרעקט זיך אויך איינצושלאפן . . .

אנגעשריבן א זייטל, האב איך עס שטיל איבערגעמישט, אז דער שארך, דער קנאסטער זאל קיינעם נישט איבערשרעקן . . .

אבער ווי האבן די ווערטער געשריגן, געוואלטענעס געמאכט, די הימלען איינגעריסן — יתומים־קדשים, כאל מלא רחמים, הספדים, יללות! מאמעס כאלן אין הלשות!! כארנט, פאר דער שורה הרוגים מארשירן אין רייען חלוצים, שומרים מיט פענער אין די הענט און זינגען און שווערן . . .

איך הער דאס מארשירן פון די רייען. כ'האב מורא, אז ס'וועט נאך אויפוועקן די שלאפנדיקע . . . כ'הויב אויף די אויגן פון שרייבן און דערזע דעם טאטנס בליק א שארף אנגעשטעלטער אויף מיר און טרערן רינען אים פון די אויגן אין דער בארד אריין.

עס איז נישט געווען מער בכדי שיעשה ער זאל זיי צומאכן און זיך מאכן ווי ער וואלט געשלאפן. האט ער שנעל זיך אראפגעבויגן איבערן בעט, אפגעגאסן די נעגל און געשעפטשעט שטיל: „מודה אני לפניך מלך חי וקים". זיך שנעל אנגעטון, זיך געוואשן, ארויס אויפן הויף דורך דער קיך־טיר — ער איז געגאנגען אין טרעגער בית־מדרשל אויבן דא אין דער אפיצינע ביי איצקאוויטשן.

איך האב אויסגעלאשן דאס ליכט אויפן טישל און שטאט מיך ארייגצולייגן ווי אלע טאג אין אויסגעווארעמטן בעט אריין, בין איך נאכגעגאנגען דעם טאטן אין בית־מדרשל אריין — —

און זע דער בליך־לאמפ ברענט, דער פארענדיקער טשייניק זידט און דוד ווינדמאן טיילט ארום דעם עולם די ווארעמע גלעזלעך טיי — עולם כמנהגו נוהג!

דער טאטע זיצט אויך שוין ביים טיש און ווארעמט זיך די קראנקע, קאלטע פינגער ביים פארענדיקן גלעזל טיי — עס פינקלט ווי היילנדיקער בורשטין! פאר אים ליגט שוין אפן דער עין־יעקב און כ'זע ווי די אויגן מיט יעדן ווארעמען זופ גייען שוין איבער מיט געדאנקען, מיט איינפאלן, מיט טרייסטדיקע המצאה־ווערטלעך, משל־מעשהלעך אריינצוטייטשן באלד אין דעם שטיקל

אגדתא, וואס ליגט אים אויפגעמישט פאר די אויגן —

יא. כ'האב א גוטן אפשלוס! צאפלט עס אויף אין מיר — מסתם איז עס דער טרייסטנדיקער איינפאל, וואס פארשפרייט זיך אין טאטנס ליכטיקער בארד . . . איך מוז אים אויפשרייבן נאך איידער ער וועט אים ארויסברענגען דא און צעלייגן אויף די טיי־טעלערלעך און אים צעקייען און אריינלייגן אין די אפענע מיילער אריין.

אומבאמערקט בין איך שנעל צוריק ארויס. אריין צוריק שטיל אין שטוב, אנגעצונדן דאס ליכטל אויפן טיש און צוגעשריבן דאס לעצטע זייטל: „בכל יום ויום א בת־קול גייט ארויס פון הר חורב און וויינט ווי א טויב: ווי צום טאטן, וואס האט פארטריבן זיינע קינדער און וויי צו די קינדער, וואס דער טאטע האט זיי פארטריבן!“ דאס געגומען אין קעשענע אריין, אויסגעלאשן דאס ליכט און אזוי שטיל ווי כ'בין אריין אין שטוב, נאך שטילער ארויס —

איך מוז יעצט זעען וועוטשען, דוד ריכטערן! אזוי אין איין אטעם, אין איין איינגעהאלטענעם צעצאפלטן ווי אויפגעשריבן זיי פארלייענען. איך ווייס דא גארנישט וואס דא טוט זיך; וואס מיט מיר טוט זיך . . . איך האלט עס אין דער קעשענע פעסט אין דער האנט אוןפיל ווי עס באוועגט זיך, ווי עס ציטערט . . . ניין, ס'זענען נישט מיינע מיד־פארקראמפטע פינגער, עס זענען די ווערטער, די יללות, די געזאנגען! כ'הער די שריט פון די פארביי־מארשירנדיקע פאר דער שורה הרוגים . . . כ'לייב שטיין, זייערע האבן זיך אויך אפגעשטעלט — כ'שטיי פארן טויער פונם הויז פון די וויעוויארקעס.

יידן מיט טלית און תפילין־זעק גייען אריין אין טויער. אין הויף איז געווען דאס סאבאטשעווער שטיבל. צו וועוטשען ארויפצוגיין איז נאך צו פרי . . . אבער אפשר איז ער אין שטיבל? כ'בין אריינגעגאנגען, ארויסגענומען א ספר און געבליבן ביי דער ספרים־שאנק.

פלוצלינג דערזע איך דורכן פענסטער וועוטשעס עלטערן ברודער, דעם זייגערמאכער. ער גייט מסתם אין זיין געוועלבל אריין, עס עפענען. שנעל שטעל איך דאס ספר צוריק אין שאנק אריין און לויף צו אים ארויס און וויל אים בעטן ער זאל אזוי גוט זיין און ארויפגיין זאגן וועוטשען, אז איך ווארט דא אויף אים.

„איר ווארט אויף מיין ברודער?“ האט ער אנגעהויבן נאך איידער איך האב אים געפרעגט, אויף וועוטשעס וויציקן, פלינקן אופן, אביסל קורצזיכטיק, מיט א פארקוועטשט אייגל, ווי ער וואלט געקוקט אין א זייגערל אריין דורכן „שפאקטיוו“: איר וועט אויף אים לאנג ווארטן, ער איז שוין אויפן פראנט און שיסט באלשעוויקעס . . . איר ווייסט עס נארנישט? שוין איבער א חודש ווי מ'האט אים מלביש ערומים געווען און געשיקט אין די קאזארמעס. זיין לעצט קארטל איז שוין פון פראנט“.

איך בלייב שטיין צום צייכן! כ'וויל אנהייבן צו ריידן, אבער ס'קוקט נישט ארויס. קוקט ווידער דאס קורצזיכטיקע אויגל אויף מיר ווי דורך א שפאקטיוו, אבער איצט נישט וויציק, נאר שארף ווי ס'וויל אנכאפן דאס שפינדל און עס א דריי געבן: „און ווי האלט עס מיט אייך? איר דרייט זיך



ארום ווי א פרייער פויגל, ארויסגעדרייט זיך פון דער נעץ? איר זענט דאך אין זיינע יארן, א זעקס און צוואנציקער?“

„יא, אבער אויפן פאס בין איך ערשט יאנואר 1897“. איך וויל ארויס אויף אן אנדערן שמועס. איך שפיר ווי דער קאיעט צטיערט אין מיינע פינגער: „אפשר קאנט איר מיר זאגן דוד ריכטערס אדרעס? כ'ברויך אים נייטיק צו זעען“.

עס קוקט אויף מיר ווידער יענס וויציקע, פלינקע בליקל — אזוי גאר קאכט מען די לאקשן: „געבוי קאן איך אייך נישט זאגן, אבער דא ערגעץ אויף די וואלעס. אין לעצטן הויז דאכט זיך, אויבן ארויף אין בוידעם־שטיבל. ער וואוינט דארט ביי דער „שווארצער כאנקע“.

כ'האב גענומען אינגאנצן ציטערן, אבער דאך נאך געפונען די מנוחה אין מיר: אז איך וועל נאכמיטאג אריינקומען צו אים אין געוועלב אריין און ער זאל מיטנעמען וועוטשעס קארטל, כאטש זעען זיין כתב.

כ'בין צוגעקומען צום לעצטן הויז פון די וואלעס, אריין אין הויף, דערזעען דאס בוידעם־שטיבל. לאנג דרייען זיך האב איך געוואוסט טאר איך מיך נישט. שנעל ארויף די טרעפ און אנגעקלאפט אין דער טיר.

די טיר האט זיך געעפנט און פאר מיר איז געשטאנען א שלאנקע, שווארץ־חנעוודיקע פרוי, אן אויסגעמאגערטע, הויט און ביין, אזוי, אז איר מעוברתדיקייט האט זיך מיר אפילו געמוזט ווארפן אין די אויגן אריין. איר טונקל־טרויעריקער בליק, דערזעענדיק מיך, האט זיך אנגעפילט מיט פארדאכט: איז עס נישט א שפיצעל אין אזא מין אנשיקעניש?

„איר וועט אזוי גוט זיין און אנטשולדיקן. איך האב נויטיק צו זעען דודן, זאגט אים אברהם נחום“.

זי האט נישט געהאט קיין צייט זיך מישב צו זיין, צו ענטפערן ווי אין דער טיר איז שוין געשטאנען דוד מסתם דערקענט מיין קול: „פון וואו האסטו דיך אנגעטראגן? ווער האט דיר געגעבן דעם אדרעס?“

„דוד, כ'מוז דיר עפעס פארלייענען. כ'זאג דיר . . .“

ער צעלאכט זיך: „דער זעלבער וואס געווען! וועלטן קערן זיך איבער, טראנען ליגן שוין מיט די פיסלעך נאך אויבן און דו שטייסט נאך אלץ מיט דיין בערדל און פאות און מיטן כ'מוז דיר עפעס פארלייענען' “ . . . ער קוקט מיך אן מיט זיין גוטן בליק ווי העמלט אויף דער לאנקע נאכן טאפיען, נאכן ווילדן שפאס פונם הינקענדיקן סטודענט: „וואס זאל איך דיר זאגן, אז כ'האב נישט קיין צייט; אז די הויט ברענט אויף מיר? . . . ווייסטו וואס, לאז עס איבער אויף פאר אכט, בשעה שלא יום ולא לילה . . . מיר וועלן זיך טרעפן דארטן ביי דער באן־בריק . . .“

ווען איך בין אהיימגעקומען איז געווען אן איבערקערעניש. די גאנצע שטוב — איין שטיק שרעק, איין שטיק צער: פאר א האלבער שעה צוריק האט דער בריוווטרעגער צוגעשטעלט די פאוויעסטקע, אז קומענדיקן מאנטאג מוז איך מיך שטעלן צו מושטירן, צום פריזיוו.

אלע האבן מיך אנגעקוקט! אבער ווי האט עס מיך געקענט ארייננווארפן

אין א בהלה, אז איך האב שוין געוואוסט, אז וואַוטשע איז שוין איבער א חודש אין מיליטער. און אפשר וועט מען מיך גאר שיקן אין זיין קאזארמע אריין . . . איז דאך אוודאי גוט . . .

עס איז טאקע געווען פינף יאר מלחמה, און ווער ס'האט נאר אויסגעהאלטן און איבערגעקומען, איז שוין געווען א העלד. עס איז געווען צייטן אין די שווערע יארן, ווען איך בין געווען דער גאנצער אנהאלט פון דער משפחה, אריינגעברענגט די גאנצע פרנסה; און סוף־כל־סוף בין איך דאך אינצווישן געווארן א דערוואקסענער מענטש — א פריזיוניק! אבער ביי דער מאמען בין איך נאך אלץ געווען איר בן־זקונימל און ביים טאטן, — מיט אלע מיינע חטאים — א טאטנס א קינד!

אלע פריערדיקע קאנפליקטן האבן מיט איין מאל אויפגעהערט! ער האט מיך אנגעקוקט ווי איך שטיי אזוי אין דער ריפסענער יוביצע, אין גרויסן יידישן היטל; א בחור מיט פאות, א חסידישער יונגערמאן מיט א סימן א בערדל. און גיי שטעל דאס אריין אין א שינעל, גיב אים א —ביקס אין דער האנט און — אפגעשיקט אויפן פראנט! געקוקט אויף מיר ווי איך שטיי, ווי כ'וואלט געווען גלייכגילטיק; ווי ס'וואלט מיך גארנישט אנגעגאנגען; ווי איך וואלט געווען א פרעמדער צום גאנצן עסק. אויסגעדרייט זיך צו דער מאמען און געזעען ווי זי בייסט די אונטערשטע ליפ, דער קאפ שאקלט זיך איר און טרערן רינען איר פון די אויגן, האט ער אנטשלאסן געזאגט, ווי פון א פלוצלינגדיקן איינפאל:

„ווייסט וואס, מיר פארן מארגן קיין סאסנאוויצע זיך משואל־עצה זיין מיטן רבין, און אז דער רבי וועט מסכים זיין" . . . ער האט נישט ארויסגעזאגט וואס, אבער מיר האבן שוין פארשטאנען . . . און מיר איז ווי א פריידיקער ציטער אדורך דורכן לייב: אפשר איז דאס טאקע דער איינציקער אויסוועג און נישט נאר איבערן פריזיוו, איבערן מיליטער . . . אפשר איז דאס טאקע דער איינציקער אויסוועג צו א תכלית? — וואס בין איך און וואס וועט דא פון מיר ווערן? „מעז יצא מתוק".

דער טאטע האט ווייטער גערעדט צו טרייסטן די מאמע, אז טאקע פון איר טשעלאדזש וועט ארויסקומען די הילף: אין טשעלאדזש איז דא דער פעטער חיימל, די גרענעץ . . . אין בויטן, א מייל פון טשעלאדזש, האט ער נאנטע פריינט, אויך דעם ראבינער דארט . . . און טאקע, וואס איז דער אונטערשיד? דער זעלבער גאט, וואס איז דא, איז אויך דארט". ער קוקט מיך אן: „כל מאן דעביד רחמנא לטב עביד" . . . דער רבי וועט שרייבן א בריוו קיין בערלין אין הילדעסהיימס ישיבה, וועט מען דיך זיכער אריינעמען . . . אבער קודם", ווענדט ער זיך צו דער מאמען, „קיינער טאר גארנישט וויסן. מ'טאר עס נישט אנזעען אין פנים, אפילו פאר אסתרן און צימעלען" . . . ער בלייבט שטיל א וויל, עפעס באשטימטעס נאכטראכטנדיק: „איך פריי מיך שוין צו זען שלמהן".

פון דעם גערעדטן, פון די שטעט וואס דער טאטע האט דערמאנט, בויטן, בערלין, האט עפעס א פריילעכס אויף מיר אנגעיאגט, ווי מענטשן וואלטן גע־



ווארט אויף מיר דארט, אייגענע, נאנטע . . . האב איך נישט געווארט יארן דערויף? נישט דעם כוח געהאט, די מעגלעכקייט . . . און מיט איין מאל און אלץ איז אויס, פארענדערט . . . אן אוואנטורע, וואס נעמט גארנישט קיין ענדע . . .

דעם גאנצן טאג איז די מאמע געווען באשעפטיקט אויסצוזוכן די וועש, איינצופאקן דאס בויטיקסטע אין די רייזע־טאשן — יא, ס'איז צום רבין אויף שבת! מ'פארט פרעגן, משואל־עצה זיין . . . אבער זי האט דאך געוואוסט, אז ס'איז נישט קיין פראגע פון פרעגן; אז איך פאר און וועל שוין נישט מער צוריקקומען. מ'וועט דאך מיך נישט לאזן געשאסן ווערן. פינף יאר אפגעראטעוועט און צום סוף נעמען א קינד און שיקן עס אין פייער אריין? — אט זיצט זי איבער א זאק, — מיט א גרינלעך־איבערלאפענעם בליק, ווי אין די מרה־שחורהדיקע טעג אין טשעלאדזש, — מאכט א צערעלע און די טרערן קאפיען און קאפיען.

עס איז פאמעלעך געווארן פארנאכט. דער טאג האט זיך געצויגן אן אייביקייט. איך האב אפגעווארט ארויסצוגיין צו די וואלעס, אפווארטן דודן ביי דער באן־בריק. יא, כ'וועל אים אויך דערציילן וועגן פריזיוו קומענדיקן מאנטאג . . . וועגן טאטנס פלאן . . . דודן מוז איך דערציילן! אים מעג איך דערציילן — „קאנספיראציע!" „קאנספיראציע!" הער איך וואוטשעס געלעכטער, ווי דעמלט, ווען כ'האב דאס ווארט געהערט צום ערשטן מאל.

דער טאטע גייט אין שטיבל אריין צו מנחה, ער רופט מיך נישט מיט: בעסער וואס ווייניקער זיך צו באווייזן . . . ס'קאן זיך מיר נאך ארויסכאפן א ווארט.

כ'האב אפגעווארט ביז דער טאטע איז אוועק און מיך געלאזט מיט דער קראטקער גאס ארויס צו די וואלעס. ס'האט נישט לאנג גענומען און באלד האט זיך באוויזן דודס בנעימותדיקער גאנג ווי דעמלט, ווען ער פלעגט זיך אריינדרייען אין בית־מדרש און שטיל זיך צוזעצן צו דער גמרא — ר'איז טאקע איצט אין א קאפעליוש, אין א מין סוקמאן־פאלטן, אבער דער וויגנדיקער שאטן איז דער זעלבער ווי דעמלט.

ער האט מיך אויך באלד דערקענט און צוקומענדיק ארויפגעלייגט די האנט אויף מיין אקסל: „ווייסט, מיר וועלן נישט גיין איבער דער בריק צו די אלייען צו. דארט איז אביסל געפערלעך מיט דיין שפראצנדיק בערדל. זיי האבן זיך אנגעטון פא אפיצערסקו, מיט די גוויאזדע־היטעלעך און זוכן זיך גוים נחת . . . מיר וועלן זיך אראפצולאזן מיט די געסלעך צום בית־מדרש צו און גיין איבער „אונזער" בריקל. איבער ראקאוו וועלן מיר צוריקקומען איבער דעם שאסיי, כ'וויל מיך אריינכאפן צו דער מאמען. איך וועל דארטן בלייבן א וויילע און דו וועסט אהיימגיין". זיין פנים האט באקומט א פארטראכט־סמוטנעם אויסזען, זיך באוועגט אין דער טונקלניש ווי א טייל פון איר . . .

מיר שטייען שוין אויפן וויגנדיקן בריקל, זעען די פענסטער אין בית־מדרש לעשן זיך. ס'איז שוין נאך מעריב: „זעסט, אין פאליש ברענט איין בליך־לאמפ.

הינטן ביי דער טיר אריינגעדרייט אביסל. קיין בחורים זענען טאקע נישטא, די גרויסע זענען איינגעצויגן צום מיליטער. מאנכע „קערעווען" זיך. די קלענערע לאזט מען נישט ארויס פון דער היים — „די גאלדענע קייט' איז צעריסן! אבער אין פאליש אויף דער קייט' סאפעט זיך דער משוגענער ווינדמאן; הונדערט מאל זאגט ער איבער איין ווארט, אבער ער זאגט עס. ר'פייוויש קורלאנד זיצט אויף דער ערד און זיבערעוועט זוהר" . . . ער קוקט מיך אן. די גוטסקייט פון זיין פנים וואלקנט זיך אויס: „לאמיר נישט אריינפאלן אין ראמאנטיק, אין חלומות. די זאכן זענען איצט צו רעאל און צו ברוטאל. אבער קודם איבער דיין שטיק: ערשטנס דיין ווילד כתב, אן פונקטן, אן קאמאס, ווי א בלאט גמרא. ווען כ'קען דיך נישט און כ'הער ווי דו לייענסט מיר אריין אין אויער אריין אין אטעם ווי די עשרת בני־המן . . . און בכלל דער קאפ דערצו: די פאוויעסטקע פאר מאנטאג צום מושטירן".

איך שפרינג אויף: „פונוואנען ווייסטו עס שוין"?

„נאר אן התלהבות", שמייכלט ער: „מיר זענען דאך פון איין יארגאנג, האסטו מסתם אויך באקומען אזא פאוויעסטקע — ריכטער, שטענצל, ער, עס. ס'גייט דאך איינס נאכן אנדערן".

„און אפשר טאקע וועלן מיר אלע דריי צוזאם אין איין קאזארמע . . . וועטשע דינט דאך שוין איבער א חודש". פאל איך אריין מיט נאך גרעסערער התפעלות.

ער האט מיך פרעמד אנגעקוקט ווי עפעס א ווילדע זאך. ער איז טרויעריק געווארן, צי איבער דער נייעס בנוגע וועטשען צי איבער מיין נאאיווקייט: „אויף וואטשען קענסטו דיך שוין פארלאזן. ער וועט נישט נאר אהיימקומען מיט צוויי צוגענייטע בענדלעך אויפן ארבל, נאר מיט צוויי נייע בענדלעך סקיצן אונטער דער פאכווע . . . וועטשע איז נישט נאר א ווארט־קינסטלער, ער איז א לעבנס־קינסטלער! ווי ער שפייט אויס א מונדשטיקל פון א פראגרעסל, קאן נאך א פויליש אפיצירל קומען צו אים אויף דער לער און פוצן ביי אים די שטיוול" . . .

ער צעלאכט זיך: „מיר וועלן נישט קומען ביז דער קאזארמע! מיך וועט מען באלד פון דער פריסוסטווע פירן צום שיסן און דיר וועט מען דאס בערדל אויפן וועג צעציפן . . . יא, אפשר ביזן הויף פון דער קאזארמע: די רעקרוטן זאלן זיך לערנען צו גיין נא־שטיך" . . .

ער ווערט אויפגערעגט, אפנים וואס ער לאזט זיך אריין איצט אין אזא שמועס און אזא טאן . . . ער קוקט מיך אן טרויעריק: „און מאקע וואס זענען מיר הען פאר די פעלקער — נישט נאר פאר אונזערע כאמעס! — פאר די קולטור־פעלקער . . . משטיינסגעזאגט, מער ווי אזא שטרוי־פופע די באגנעטן אין אונז צו פרואוון? מלחמות מיט פאגראמען גייען תמיד צוזאם ווי צוויי בלוטס־טראפן . . . דא האסטו דיין איין־אקטער „לעמבערג" — עס איז דער פראלאג פאר דער גרויסער טראגעדיע. וואס דערווארט אונז ערשט" . . .

ער האט געזען, אז איך בין צוזאמענגעפאלן, ממש ווי א בלאז וואס מ'שטעכט אין איר אריין א נאדל. מיך אנגעקוקט ווי כ'שטיי אזוי כעני בפתח



ביים טויער פון דער וועלט:

„זעסט, כ'וועל מיט דיר רעדן אויף דיין לשון: דאס לעבן איז אזא גרויסער פלפול, א לשטתי־המשך'; די גאנצע וועלט הענגט צוזאם רינגל אין רינגל אזא גאלדענע קייט, וואס חריפישער, וואס כיטרער די איינפאלן — הונדערט יאר דויערט אזא עוואלוציע! אבער ווי זאגט די גמרא: אין מקרא יוצא מידי פשוטו. דעמלט צעסארפעט זיך אין פאליש די אייזערנע קייט, די פארזשאווערטע קייט" . . .

ער ווערט סענטימענטאל: „כ'בין דא געזעסן אין בית־מדרש, האלב ש"ס אדורכגעלערנט. געדענקסט, ווען דו האסט דיך געפלפולט, געטאנצט אויף דער גאלדענער קייט, האב איך שווער געהארעוועט ביי דער גמרא . . . גלויב מיר, כ'שעם מיך עס נישט צו זאגן: עס בענקט זיך נאך דער צווייטער העלפט... ווייסטו פארוואס איך קאן נאך שטיין איצט מיט דיר און ריידן? ווייל כ'האב דיך ליב . . . יענער גאלאגאנסקער האן: טראפ־טראפ, טראפ־טראפ וועלן קיין וואסערן, קיין בלוט נישט אפווישן . . . ווען כ'האב דיך געזען שטיין אזוי אין דער פרי פאר דער טיר מיטן קאיעט אין דער האנט" . . . ער נעמט מיך ארום: „אברהם נחום, איך בין קראנק, מיין ווייב איז אין די הייכע חדשים און אלץ איבעריקע איז קאנספיראציע" . . . ער האט מיך גערדיקט צו זיך: „ווייסט, אפשר דווקא דו, דער מאכטלאזטער פון אונז דער נישט צוגעגרייט צום קאמף פאר שטיקל לעבן, דווקא דו וועסט דיך ארויסדרייען, אן איי אן שאל האט מער שאנס נישט צעקוועטשט צו ווערן . . . עס איז עלאסטיש, עס גיטנאך". אפאר מאל מיך געקושט און פארשוואונדן איבער דער בריק.

איך בין געבליבן שטיין אויפן וויגנדיקן ווארטא־בריקל ווי יעקב נאכן געראנגל מיטן מלאך און צו מיר געשעפטשעט: „דודל לעלעווער, דודל לעלעווער". איך בין אריין אין פאליש. קיינער איז דארטן נישט געווען. דער הויקערדיקער חברה־קדישא שמש האט זיך אין ווינקל הינטן געפארעט זיך צווישן די „קרשים".

ווען איך בין אהיימגעקומען איז אלץ געווען פארטיק צו דער רייזע: א נסיעה צום רבין אויף שבת . . . דער צוג גייט אפ נאך האלבער נאכט, ארום צוויי אזייגער.

אסתר און צימעלע האבן נישט געוואוסט פון דער פאוויעסטקע, נישט פון טאטנס פלאן. זיי האבן געוואוסט, אז מ'פארט צום רבין אויף שבת. ס'איז טאקע געפערלעך, מ'רייסט בערד, מ'ווארפט פון די צוגן, אבער אז אלע פארטייען קעמפן, ווילן חסידים באווייזן אויף זייער אופן . . . זיי זענען אריינגעגאנגען שלאפן. זיך געזעגנט, „רעכט'ס אלדאס גוטס". די מאמע אבער האט זיך נישט געלייגט, געבליבן נאך א שעה, נאך א שעה. פארן אוועקגיין האט זי מיך אריינגעכאפט אין אירע ווארעם־צעציטערטע ארעמס — איך האב מיטאויפגעציטערט; די אויגן אירע אין מיינע — זיי נעצן נאך אצינד.

ס'איז א גליק צו האבן א שיינע מאמע. שוין א זייגנדיק קינד, שפילנדיק זיך אין די סודותדיקע באהעלטענישן פון די געטאקטע, בערגלדיקע און טאליקע ארעמס, דערשפירטן חושימדיק פארם און סימעטרישקייט — נישט איינמאל

האב איך אזוי געטראכט ווען כ׳האב געהאט דאס געפיל, אז א ליד איז מיר געלונגען . . . ווארום וואו דען האב איך עס געלערנט ?

די מאמע איז געבליבן זיצן. מיר זענען ארויס מיט די טשעמאדאנעס און אפן געלאזן די שויבן־טיר אין דער ווארשעווער גאס ארויס. פארן טויער האב איך מיך אויסגעדרייט : זי איז געשטאנען אין דער ליכטיקער טיר א לאבנדיקע שיינקייט — די מאמע שרה שטייט בפתח האוהל !

מיר זענען געגאנגען שטיל. דער טאטע האט נישט גערעדט. עס איז נישט געווען נאר די מורא אין דער לײדיקער גאס. צוויי ייִדן אליין, עס איז ביים טאטן געווען די ערשטע נסיעה צום רבין פון ערב דער מלחמה אן ; אן הפסקה פון איבער פינף יאר, און ס׳איז דא עפעס צו טראכטן . . . און איך האב אויך געהאט וואס צו טראכטן — מיר האבן דעם גאנצן וועג נישט מפסיק געווען !

אין צוג האט דער טאטע גענומען שטיל זאגן תהלים. איך בין געזעסן ביי אים און איינגעזאפט אין מיר יעדעס ווארט. די ארומיקע האבן געקוקט מתחילת שפאטיש, ס׳האט געקענט לייכט אריבערגיין אין קאטאוועס טרייבן : דער יונגער סאלדאט קייגנאיבער אונז וועט נישט רייסן דעם טאטן ביי דער הדרת־פנימ־דיגער בארד, אבער פארוואס נישט א צופ טון מיר ביים קאמישן שפיץ־בערדל ?

איבער אונז זענען געלעגן די טשעמאדאנעס. אין טאטנס איז געלעגן דאס שטריימל, אין מיינעם מיינע קאיטן — ניין, זיי האבן אפילו די טשעמאדאנעס נישט ארויסגעווארפן דורכן פענסטער.

ווען מיר זענען אנגעקומען אין סאסנאוויצע פונם גרויסן באנהויף־פלאץ, אדורך דורכן שלאבאן און אריין אין דער רחבותדיקער מאנדזשעווער גאס — צעשפיגלט און צעלויכטן פון די פינקלדיקע שויפענסטער ! — קוים זיך אדורכ־צושטופן מיט די טשעמאדאנעס צווישן דעם געגיי פון די מענטשן. זענען מיר אראפ פונם טראטואר אין מיטן וועג —

דער טאטע גייט פארויס און איך נאך אים. ניין, מיר זענען נישט אין דער גרויס־אויפגעבויטער שטאט אין זאגלעמביע. מיר גייען נישט אין איר הויפט־גאס פון מאדערנע געשעפטן און באזארן — מיר זענען אין ראדאמסק, מיר גייען אריינשטעלן די רייזעטאשן צו יאנקל בחור אין דער אכסניה זיך מיכן זיין צום שלום נעמען איידער מיר גייען אריבער אין רבינס הויף —

אלץ זע איך איז אראפ פון טאטנס פלייצעס : די שווערע מלחמה־יארן, דער עקידה גאנג איצט מיט זיין בן־זקונים ; אלץ מיטאמאל א שאקל־אראפ געגעבן פון זיך — אזא שווימענדיקער וואונדער־פויגל ארויס פון די וואסערן, פון די ווילד־פלייצנדיקע וואסערן — באו מים עד נפש ! — און גרייט זיך איצט צום גרויסן פלי —

יאנקל בחורס אכסניה, אין ראדאמסק, הינטן אונטער דעם רבינס הויף ! איין גרויסע פרייד פון דבקות און כוונה, פון זינגענדיקע, טאנצנדיקע מעשיות, זיך הערצײלנדיקע, תורות, נאכזאגנדיקע ; חסידים־קרענצלעך ביי א לחיים.

אזוי זענען מיר אריינגעקומען אין מיין ברודערס וואוינונג אויפן פינפטן שטאק אקייגנאיבער צוקערמאנס הויז, די גרעסטע געביידע דעמלט אין דער פאבריק־שטאט סאסנאוויצע.



אין דער פאדערשטוב איז קיינער נישט געווען. פון דער צווייטער שטוב, פון דער בית־דין און ספרים־שטוב, האט זיך געהערט שלמהס קול זאגן דעם מארגן־שיעור.

יא, ס׳איז דרינען נישט געווען די ישיבה, וואס אמאל : די פרעמדע, די טעגעסערס זענען זיך צעפארן ; די היימישע, ווער אויפן פראנט, ווער אין קאזארמע, ווער אויסבאהאלטן. ס׳איז אפילו מעגלעך, אז דרינען איז קיין איין ישיבה־בחור נישט — אזוי שטיל איז אין דער צווייטער שטוב געווען ! — נאר ער, דער ראש־ישיבה, זאגט דעם שיעור ווי אנגעצייכנט צו דער מינוט אויפן זייגערל — ללמוד וללמד שטייט ; קודם מוז מען אליין לערנען.

דאס זאגנדיקע קול — הייזעריגלעך, זילבערדיק זינגענדיק ; אט גיט עס זיך א דריי ביי א תוספות קשיא ! און אט הערט מען ווי עס צעפלאטערט זיך, ווי עס פליט, ווי עס שוועבט ; אין אלע זייטן קלאפט עס זיך אן און עס פליט אלץ העכער און העכער, און אט גיט עס א פלעטש אראפ מיט צעשפרייטע פליגל און ס׳שווימט און ס׳שווימט.

ניין, דאס קול איז נישט אליין. מ׳הערט דאס יונגע, דאס פריילעכע געפיפס פון די נאכשווימענדיקע ; די עלטערע בחורים זענען נישטא, זענען דא יונגערע — „עזים נעשו תישים“.

דער טאטע, זע איך, גייט נאך דעם קול, די איינפאלן ! די אויגן שווימען מיט ; די שטערן־קנייטשן כוואליען זיך ; ער ווארפט מיר צו א פריילעך־שמייכלענדיקן בליק ביז אין דער ברייטער בארד אריין א זילבערדיק צעש־פיגלטן : פארשטייסט ? כאפסט אויף ?

עפעס האב איך אויפגעכאפט ! יא, כ׳האב פארשטאנען : אז אויב ס׳איז פאראנען אזוינס ווי גן־עדן, צדיקים זיצן מיט די קרוינען אויף די קעפ און זענען נהנה מזיו השכינה איז דער טאטע אצינד אויף דער העכסטער באנק פון גן־עדן.

עס איז געווארן שטיל. מ׳הערט פארמאכן גמרות. די טיר עפנט זיך און שלמה שטייט אין איר.

עס איז געווען צו הייליק צו זען די באגעגענונג. כ׳האב שנעל פארמאכט די אויגן. ס׳איז אבער אויך געווען דער אנבליק פון שלמהן, וואס האט זיי פארמאכט און פארצויגן מיט א שניר־עלע טרערן : ווי ער זעט אויס ? האלב איז פון אים געבליבן ! פון דעם שטשופלע בארד־און־פאות, פארקראמפט פנים קוקן ארויס אפאר פיבער־ברענענדיקע פלאם־פייערדיקע אויגן — ווי רויט־געלאמעוועט זיי זענען געווען !

שלמה האט אונז געוואלט אריינפירן צו מרים ביילען, צו די קינדער אין שטוב. האט דער טאטע אים געזאגט, אז ער וויל קודם גיין שלום נעמען. האט שלמה געוואלט מיטגיין. האט דער טאטע אים געזאגט, „כ׳מוז גיין מיט אברהם נחומען“. שלמה האט מיך אנגעקוקט און אונז אראפבאגלייט פון די שטיגן — אין זיין בליק אויף מיר, אין זיין „שלום־עליכם“ האב איך געזען, אז ער פארשטייט אלץ . . .

ווען מיר זענען אריינגעקומען צום רבין אין דער שלום־שטוב, איז דער

רבי אויפגעשפרונגען פון שטול: „דעם טאטנס בערישל, דעם טאטנס בערישל... כ׳זע שוין אלץ, כ׳זע שוין. דאס איז דאך דיין אברהם נחום בן פריידל געגענדל“ און זיין שנעל ריידן איז נאך שנעלער געווארן: „זריזין מקדימות למצוות, ד׳ ישמורך מכל רע, ישמור את נפשך! ,ושמרתם את נפשותיכם׳ איז א מצוות עשה מדאוריתא . . . א רגע נישט צו פארברענגען, פיקוח נפש, א רגע, אן שום שהיות“. און האלטנדיק מיין האנט אין מיר ארייננגעשריגן: „א ייד, א ייד, א ייד, א ייד־א ייד־א ייד“. האט עס מיר נאכגעשריגן אויף די שטיג, ווי בשעתן זאגן א תורה דער רבי אין שטעקן געבליבן און כדי צוקומען צו אן אויספיר גענומען אויסטערליש שרייען: „א ייד־ייד, א ייד־א ייד“.

ארויסקומענדיק אויף דער גאס, אויף דער אפענער מאנדזשעווער גאס, האט דער טאטע צוגערופן דעם ערשטן דראשקאזש. מיר האבן זיך ארייננגעזעצט און געהייסן צופארן צו צוקערמאנס הויז. דער טאטע איז אליין ארויס, מיך געהייסן בלייבן זיצן. ארונטערגעברענגט די וואליזקע, די צווייטע האט שלמה געטראגן: „נאך טשעלאדזש אויפן נאנטסטן וועג. מיר מוזן דארטן זיין וואס פריער!“ שלמה איז שטיינגעבליבן מיט שעפטשעדיקע ליפן.

די דראשקע פארט שנעל, דער טאטע זיצט מיט פארביסענער וואנסע, מיט פארמאכטע אויגן, דער שטערן קנייטשט זיך. ער איז אינמיטן מקיים זיין א שליחות, אינמיטן מכוון זיין מקיים זייענדיק א מצוות עשה. פאר מיינע אויגן שטייט שלמהס שעפטשעדיקע שטשופלע פנים — — עס איז יענער פרימארגן, ווען די דייטשן זענען אוועק, פוילישע מיליץ האט באזעצט אלע פלעצער. שלמה, ווי אלע פרימארגן אויף דער מינוט, אויפן זייגער, פינף מינוט נאך זעקס, גייט אין מקווה אריין. דער שייגעץ ביי דער ראגאטקע, ביים אראפגעלאזטן שלאבאן, זעט דעם זשיד, דעם ראבין, דעם סאמעטענעם קאפאלאטש און דעם רבנישן טוליפ, לאזט ער אים אראפ מיטן פאקלאד, מיט דער שווערער וייט ביקס איבער דער פלייצע און האקט אים אונטער א שטיק לונג — די שעורים גייען אן אלע טאג, דער סדר־היום, אויף דער רגע, אויפן זייגער — אבער זינט דעמלט גייט ער אין פון טאג צו טאג. דאקטורים הייסן אוועקפארן נאך שטשאבניק, אין די טאטרעס, אבער וויאזוי פארט מען אין דעם שעת החרום?

מיר פארן פארביי מילעוויץ, דעם פעטער יידע פיוולס הויז. דער טאטע רופט צו דעם דראשקאזש: „טשעלאדזש, אויפן מארק, פאר שווייצערס באזאר־געשעפט!“ אפנים ער האט זיך געשלאגן מיט דער דעה אפצוטרעטן, און נאך א מאל אויסגערופן צום קוטשער: „טשעלאדזש“ און געזאגט אים שוין דעם גאנצן אדרעס.

דער טאטע זיצט ווייטער ווי פריער, דער שטערן באוועגט זיך אים און איך טראכט ווייטער: מילעוויץ? מילעוויץ . . .

...יא, קומענדיקע וואך ווערט לייב הערש אויפגענומען אלס קאזשיגלעווער רב! א דארף, קיין צוויי מנינים נישט די גרויס — (אריה צבי פראמער, דער קאזשיגלעווער גאון שפעטער, דער לעצטער ראש־ישיבה פון דער ישיבה חכמי לובלין!)

ווען שלמה איז אוועק פון טשעלאדזש, באקומען זיין כסא־רבנות אין סאס־



נאווצע, האט ער טשעלאדזש איבערגעגעבן זיין געשוועסטערקינד, לייב הערשן, וועם ער האט געהאלטן גרעסער פאר זיך. אבער אפילו ספר־תורה שבהיכל צריכה מזל. — צוועלף יאר שוין ווי ער עסט קעסט און נאך אלץ קיין כסא־רבנות נישט! ווען ר׳יוסף ענגל האט נאך געגעסן קעסט ביי „משה הענט“ איז מילא, עסט לייב הערש ביים פעטער יידע פיוול. אבער איצט איז ר׳ יוסף ענגל קראקעווער ראש בית־דין, ער מו״ץ ור״ם דקק סאסנאווצע און לייב נאך אלץ נאך אן איידעם קעסט . . .

לייב הערש האט איבערגענומען טשעלאדזש און געפירט ביד חזקה — טשעלאדזש איז געווארן א מקום תורה: דער חריף, דער בקי, דער כתבא רבא — אין טשעלאדזש האט ער געשריבן זיין ערשט ספר „שיח השדה“, מו״צ דק״ק טשעלאדזש. יונגע בחורים, עלויים פון גאנץ קרוין פוילן האבן זיך גענומען באווייזן אין טשעלאדזש.

ערב דער מלחמה, זומער 1914, טראגט זיך אן א שווערער ייד, אין די מיטעלע יארן, אין אן איצטלא דרבנן, אין סטראקעס, אין שיך און זאקן, א קאצקער אייניקל, א פלימעניק פון ר׳שמואלן, דעם היינטיקן סאכאטשעווער רבין, מיט א בריוו פון אים צו לייב הערשן: אזוי און אזוי. ער פירט די רביסטווע, זיצט אויף דער שטול פון פאטער, זכר צדיק לברכה, אבער דער כתר תורה אין סאכאטשעוו פעלט. עס מוז זיין א ראש־ישיבה, וואס זאל פירן דעם פאטערס, זצ״ל, ישיבה און ווער ווי ער, דער תלמיד מובהק, איז ראוי לאותה מישרה אא״וו. דער ברענגער פון דעם בריוו איז זיין לייבלעכער פלימעניק, א קאצקער אייניקל, א בעל הוראה. ער איז באריט צו באצאלן פאר טשעלאדזש כך וכך, אשר על כן וואלט געווען די בעסטע זאך.

לייב הערש, לייענענדיק דעם בריוו, האט זיך אנגעצונדן: סאכאטשעוו! ער וועט זאגן דעם סאכאטשעווער שיעור, פייגל אין דער לופטן וועלן זיך אנצינדן . . . זיין גאנצע יוגנט שטייט אים פאר די אויגן . . . ס׳איז פורים, ער איז א יינגל, דער סאסנאווצער עלוי, דאס שיינע, בלאנדע יינגל מיט די פלעשלעך פאות, ער שטייט אויפן רבינס טיש א פארשטעלטער אין א ספאדיק און זינגט: „פעם אחת“, „און אז דאס גאנצע געלט פון דער וועלט, אלע אבנים טובות ומרגליות און ס׳וועט נישט זיין קיין מקום תורה“ . . . ר׳ אברהמעלע דער הייליקער צדיק און גאון עולם איז אונטערן גלעזל, ער איז מקיים דעם „חייב אדם לבסומא בפוריא“ . . . ווי זיס דאס יינגעלע זינגט, ווי שיין עס זעט אויס מיט זיינע גאלדענע פאה־לעקעלעך. ער שטעלט זיך אויף און ווי קליין ער איז ר׳ אברהמעלע, שטעלט ער זיך אויף זיין שטול, כאפט ארום דאס יינגעלע און קושט אים אויפן שטערן — — —

נישט ער האט צו וויסן געטון דעם שווער, יידע פיוול, נישט ער האט זיך באלייגט מיט עטשען, מיט אסתרלען דער רביצין. געענדיקט דעם בריוו, נאך א מאל איבערגעלייענט, גענומען א בייגעלע פאפיר און פארקויפט נישט נאר טשעלאדזש, נאר די וואוינונג מיט אלע זאכן פון היינט אן, פונם דאטום, ווען דער אפמאך ווערט געשריבן, ווארום מארגן נעמט ער די ספרים און די בחורים קיין סאכאטשעוו — הכול כתוב וחתום.

דער ייד אין די סטראקעס, דער בעל־הוראה, דאס קאצקער איניקל, האט אויך איבערגעלייענט דאס כתב איין מאל און נאך א מאל, געשמייכלט קאצקעריש אין דער באָרד אריין, צוגעקנייטשט געלאסן דאס אקארשט אנגעשריבענע און אריינגעלייגט עס אין בוזעם אריין.

פיין, וואויל, דער פעטער יידע פייוול קאן אפילו אזעלכע זאכן מיטמאכן! האט אים נישט דער טאטע אמאל געזאגט: „יידע פייוול, אויסהאדעווען פון אן עלוי א גאון איז נישט פון די לייכטע זאכן. האסט דיך אונטערגענומען מיזמור עס אויספירן“. און טאקע, וואס איז דער אונטערשיד. וועט ער שיקן דאס געהאלט ר׳שמואלן, דעם סאכאטשעווער רבין, וועט ער אים אויסצאלן . . . גיט ער נישט איצט מאנגלען פון דער זאדע־פאבריק וועכנטלעך דאס געהאלט, אז די טשעלאדזשער קהלה זאל האבן אויסצוצאלן?

איז געקומען די מלחמה: ארום סאכאטשעוו זענען אנגעגאנגען די ביטערע שלאכטן. סאכאטשעוו איז נישט נאר אפגעשניטן געווארן פון ווארשע, נאר אפגעמעקט פון דער פוילישער מאפע. „דער הויף“ איז באצייטנס אנטלאפן קיין ווארשע! לייב הערש איז נישט נאר געבליבן מיט ווייב און קינדער בעירום ובחוסר כל, די ספרים און כתבים פארברענט, נאר ממש נישט געהאט מיט ווייב און קינדער וואו אריינצוגיין; געשלאפן אויפן פעלד, אין סטאדאלעס ביי פויערים — —

לייב הערשס אנגעשפיצטער, שארפער מוח, זיין געאיידלט לייב, פארפיעשטשעט אלע זיינע יארן, זארגלאז, פארשפילט אין זיינע פלפולים און רעיונות, האט טאקע נישט אויסגעהאלטן. איז צוזאמענגעבראכן, אריינגעפאלן אין א מעלאנכאליע, אין א מרה־שחורה; און אזוי האט מען אים געברענגט קיין מילעוויץ.

דאקטוירים, פראפעסארן, די משפחה, פריינט זיצן ארום אים ער זאל א ווארט ארויסריידן. עפעס עסט אין אים א ביטערקייט, אן אנטוישונג, דאס געוויסן, א פארדראס.

דער פעטער יצחק פון קאזשיגלעוו, מיט זיין שטאמלדיקן לשון און קאצקער לולקע ציבעק, אין זיין פארפאפטער באָרד און וואנסעס, האט דריי טעג אפגעשטאמלט פלינק און גיך גמרא־לשון, זוהר־לשון און קיין ווארט נישט ארויסבאקומען פון אים. די פלפולים האבן געיאגט, געיאגט. ער האט שוין אפילו נישט געקענט מער שטאמלען, נאר מאכן מיט די הענט, דרייען מיט די גראבע פינגער, און לייב הערש זיצט טויט, א ליימענער גולם מיט א בויערנדיקן שנאה־בליק אין דער פאדלאגע אריין. אויפן דריטן טאג האט לייב הערש אויפגעהויבן צוויי בייז־לאכנדיקע אויגן אויפן פעטער יצחק, וו צוויי טריפהנע מעסערס, וואס מ׳ציט ארויס פון דער ערד, און איין פארשפיצט ווארט ארויסגערעדט: „קאציקק!“ מיט זעץ אויף דער צווייטער קאָפּ.

„שוי, שוי, שוין“ האט דער פעטער יצחק זיך פארקייעכט מיט רייד געשטאמלט און געפיפקעט. שנעל אריינגעכאפט ווערטער איינס אין אנדערן: „בר־שם, אלץ גוטס — מזל טוב קאזשיגלעווער רב“ און אים איבערגעגעבן דאס כתב אונטערגעשריבן פון אלע צוואנציק בעלי־בתים פון קאזשיגלעוו.



„דער ארענדאר“ יידע פייוול, נישט נאר דער שווער פון לייב הערשן, נאר דער לייבלעכער פעטער, וואס האט געשיקט מידי חודש בחדשו דאס געהאלט צו ר׳שמואלן, מיט אן עודף נאך א מנין בחורים מיטאויסצוהאלטן, האט בעבעך אלץ מיטאמאל פארשטאנען: אין „הויף“ האט מען געסמאזשעט, געבדז געבראטן און זיינע קינדער זענען אויסגעגאנגען פאר א שטיקל ברויט, איז ארויפגעפאלן אויף לייב הערשן מיט א פרייד־געלעכטער, מיט א יללה־געוויין. „ס׳וועט אלץ זיין גוט, ס׳וועט זיין לערנען־געלט . . . יא, לערן־געלט. האסטו דען נישט אלץ געלערנט פון ר׳ אברהמלען, פון אונזער הייליקן ר׳ אברהמלען?“ — אזוי פלעגן אלטע בענדינער רופן דעם סאכאטשעווער רבין — דעם ילד בענדין.

מיר זענען ארויפגעפארן צו דעם טשעלאדזשער בארג, איבער „אונזער געסל“ אין מארק אריין. צוקומענדיק פאר אונזער טויער, האט דער טאטע געהייסן דעם קוטשער זיך אפשטעלן, און מיר זענען אריין הינטן ארום דורכן טויער. דאס הויז האט איצט געהערט דעם פעטער חיימל.

מ׳האט אונז דערזען. די מומע אסתר רייזל, דער פעטער חיימל, זענען געקומען ארויסצולויפן, געלאזט שטיין דאס געוועלב מיט קונים און זיך געוואלט פרייען מיט אונז; מיט די אומגעריכטע געסט. דעם טאטנס ערנסט אויסזען האט זיי דערשראקן. ער האט אוועקגערופן דעם פעטער חיימל: „. . . הערסט, אן שום שהיות, באותו רגע . . . דער רבי האט אזוי געזאגט“.

„ווייסט וואס, אברהם יידעלעס זון איז א שווארצער. מ׳וועט צו אים אריבערלויפן“ — דער פעטער חיימל אליין איז אריבערגעלאפן. ס׳האט נישט גענומען קיין צען מינוט און ער איז צוריק דא: „אין צוויי שעה זאל ער זיין גרייט.“

מיר זענען געבליבן אליין. אין מיר איז געווען א מין „ויחד“, א שרעק פאר פארהוילנס און א פרייד פאר דעם וואס קומט . . . איך ווער א פרייער פויגל איך פלי אין דער וועלט ארויס. ווייסט א פויגל וואס די וועלט איז? ער איז פריי, ער זינגט. אזוי האט עפעס אין מיר אנגעהויבן צו זינגען.

איך האב דעם טאטן אנגעקוקט. ער זעט אויס זער טרויעריק, דאס פנים איז איינגעפאלן אין דער באָרד אריין: ער איז מיד, ער האט אויסגעפירט זיין שליחות; איז אים א טרויער מיטאמאל באפאלן . . . ער איז אינגאנצן ווי צוזאמענגעפאלן דאס גאנצע פנים איז אים ווי אין די באָרד אריינגעפאלן; איך דערקען אים נישט ממש.

וואס קאן איך אים זאגן? פאלט מיר א מחשבה, ווי פון הימל אראפ, און אלץ ווערט גוט: „טאטע, כ׳פאר דאך באלד אוועק, לאמיר נאך לערנען א בלאט גמרא צוזאם“.

דער טאטע האט אויפגעלויכטן, די שטוב האט אויפגעלויכטן: איך האב געלערנט ווי אמאל, מיט א ניגון, מיט געשמאק, מיט טיפקייט — „כל עצמותי תאמרנה“! ווי דעמלט, ווען פאר אונזער פענסטער אין דער קראטקער גאס אין טשענסטאכאוו זענען שטיין געבליבן די ארבעטער, וואס זענען געגאנגען פון דער ארבעט, זיך צוצוהערן —

עפעס איז געווען קשה אין תוספות. דער טאטע האט גענומען און נאכגעקוקט אין מהרש״א. איך האב דערווייל גענומען זאגן. דער טאטע האט מיך אנגעקוקט, אזוי, ווי כ׳וואלט ארויסגעזאגט פון מהרש״א! איז ער געבליבן זיצן מיטן עלנבויגן אויפן מהרש״א, אין איין האנט די בלעטער פון דער גמרא און אין דער צווייטער אנגעלענט דעם קאפ, און מיט ליבשאפט געקוקט אויף מיר: „כ׳וועל דיר דערציילן נאך פון זיידן. לויטן חשבון האט ער געמוזט זיין יונגער פון דיר מיט א צוויי־דריי יאר, — ער איז געפארן לערנען קיין מאטעסדארף בײַ רבי ירמיה מאטעסדארפער. עס זאגט זיך אזוי לייכט געפארן. ער האט זיך ארויסגעלאזט צופוס פון שטעטל צו שטעטל — הוי גולה למקום תורה! געקומען און איבערגענעכטיקט אין א בית־מדרש און זיך ווייטער געלאזט אין וועג אריין.

געזוכט א תכלית אין לערנען, אפשר אויך א תכלית אין לעבן . . . מיין נישט, אז דעמלט איז געווען אנדערש ווי היינט, מיט דיין פרצן און מענ־דעלען — דעמלט איז עס געווען א ישראל זאמאשטשער, א מענדלסאן! דער דרך הפלפול האט זיכער נישט מער געניגט פאר א יינגל, וואס זוכט א תכלית אין לעבן, א „דרך הישר שיברור לו האדם״.

ס׳איז דעמלט אויך נישט לייכט אנגעקומען אזא מהלך אדורכצומאכן, אוש קיין מעהרן, עסטרייך־אונגארן. קיין באנען, קיין געלט, און די דרכים זענען בחזקת־סכנה — די גרויסע נאפאלעאנישע מלחמות. אז מ׳איז געקומען אין א מקום אריין, האט מען אויפגעזוכט דאס בית־מדרש. אין איין שטעטל זיצט דער זיידע אין א בית־מדרש ביים „מגן אברהם״ און לערנט אויפן קול מיט התלהבות, מיט מסיקות. פלוצלינג שפירט ער ווי עמעץ שטייט אים הינטערן רוקן. ער דרייט זיך אום: א ייד מיט בארד און פאות, מיט א הדרת־פנים שטייט איבער אים און וויינט. ער שפרינגט אויף דערשראקן. דער ייד גיט אים שלום־עליכם: „א פרעמדער בחור? האסטו שוין וואו וויעטשערע אפצועסן, וואו צו שלאפן אויב נישט, פארבעט איך דיך צו מיר״.

אין דער היים שטעלט זיך ארויס, אז ס׳איז דער רב פון שטאט, און ער דערציילט אים, אז ער האט אנגעשריבן א פירוש אויפן „מגן אברהם״. אצינד, אז ער זעט, א בחור, נאך כמעט א יינגל, לערנט אזוי גלאט און שמועסט אזוי פשוט אויס, טא ווער ברויכט נאך זיין פירוש? האט ער באשלאסן אים צו פארברענען.

דער זיידע איז אבער נישט געבליבן פארלעגן. וועגנדיק די תמימות פון דעם מרא־דאתרא: „דער רב ווייסט דאך במקום שאין מקורים מותר לאמר . . . אפשר בײַ מיר גייט עס טאקע פשוט, אבער פאר אן אנדערן וועט אייער חבור זיין א נויטיקע זאך״ — דער רב איז געווען דער מחבר פונם „מחצית השקל״.

דער טאטע האט מיך אנגעקוקט, ווי ער וואלט אין מיר געזוכט אן אפבליק פון זיידן, כאטש דער טאטע איז געבוירן געווארן א יאר נאכן זיידנס פטירה און נאך אים געהייסן: „און מיין נישט, אברהם נחום, אז ס׳איז היינט הפקר וועלט. אין דייטשלאנד געפינען זיך נאך היינט גאוני ישראל. און א בחור וואס וויל לערנען און האט כלים . . .״



די טיר האט זיך געעפנט און דער פעטער חיימל איז אריינגעקומען און געמאכט זיך הארץ צו מאכן א פריילעך פנים: „און איצט, חתן־בחור, איידער דער אונטערפירער קומט, מוז מען דיך אנטון צו דער חופה״. דעם ארעם האט ער געהאלטן פול מיט מלבושים: „קיין בערלין, צי אפילו קיין בויטן קאנסטו נישט גיין אין דעם הילוך״.

ביים אנטון מיר די „לאנגע״ שווארצע הויזן, האט ער געקלונגען מיט די קעשענעס: „דא האסטו אביסל קליינגעלט״. ביים צוקנעפלען מיר דעם אנצוג: „אין בוזעם־קעשענע אין טייסטער וועט שוין סטייען ביז בערלין״. און שטיל אויפן אויער האט ער מיר אריינגעזאגט: „טאפ, דא אין וועסטל איז אריינגענייט צוויי הונדערט און פופציק מארק״. דאס זאגן אויפן אויער, אזוי, אז דער טאטע זאל דאך הערן, איז אויך נאר כדי צו מאכן עס מיט א פריילעכן שפאס.

בײַ אזויפיל משפחה־געטריישאפט פארשווינדט יעדע טרויער. דער טאטע קוקט אויפן פעטער חיימל, באטראכט מיך: „מ׳זאגט דאך קליידער מאכן מענטשן, אבער זיי קאנען אויך מאכן אויס מענטש . . . דיין יידישע צורה קוקט אבער פון אונטערן קאפעליוש״ . . . דער טאטע אפנים האט זיך אויך געוואלט מאכן הארץ און געוואלט אריינווארפן א גלייכווערטל, אבער אינמיטן רייסט איבער א שארפער פייף.

„דאס איז אברהם יידלס זון. דו מוזט שוין גיין באותו רגע, אן שום שהיות״. דער פעטער חיימל זאגט נאך דעם רבינס ווערטער, וואס דער טאטע האט געזאגט ביים קומען ווי דאס וואלט געווען א מין „שפרוך״ — —

איך גיי אליין ארויס פון שטוב, די טיר פארמאכט זיך שנעל, מ׳זאל נישט דערזען די שיין, וואס פאלט פון דער טיר. עס נעמט מיך ארום א שווערע פינסטערניש, א טאפנדיקע, א ווינטיק־קילע. איך שפיר זי דורך די פריש־אנגעטוענע קליידער, וואס כ׳גיי אנגעטון, דורך דעם קורצן רעקל, די העלבע שיך.

„והארץ היתה תוהו ובוהו והושך״ . . . איידער דער פסוק ענדיקט זיך נאך אין מיין קאפ שפיר איך ס׳רייסט ווער מיר ארויס דאס רענצל. אבער נאך איידער איך שריי אויף, פיל איך ס׳נעמט מיך ווער אן בײַ דער האנט ווארעם און פעסט און פירט מיך.

מאדנע, כ׳הער נאר בלויז מיינע טריט! עמעץ פירט מיך דאך, כ׳פיל דאך די פעסטקייט, די ווארעמקייט פון א האנט . . .

כ׳בין געגאנגען שטיל, מיך צוגעהערט צום מאנאטאנעם, שווער־געווארענעם גאנג פון מיינע נישט זיכערע טריט — צוויי פערדישע פיס, נאך די היג־טערשטע, לאזן זיך נישט אראפ, בלייבן שוועבן אין דער לופטן דער וועג ציט זיך, איך האב צייט מענטשלעך צו טראכטן. ביז איצט זענען די ענדערונגען צו שנעל געלאפן, אז איך זאל מיר קאנען אפגעבן א דין־וחשבון איבער מיין משונה ווילדער לאגע: א מענטש אן שום שפראך, אפילו מיין יידיש, ווי זאגט דוד, איז „גמרא־לשון״, אן שום פאך, אפילו אין זאכן, וואו כ׳קען מיך יא עפעס אויס און ס׳קאן שיינען כ׳בין א מופלג, זענען אויך אויף שפיץ־מעסער, ברעקלעך אראפגעפאלענע פון א רייכן טאטנס טיש . . . כ׳פאל אריין איצט אין

דער וועלט א פארלוירן נפלע אינמיטן וועג . . . א רשע אויף יענער וועלט געמשפט צו ווערן אויף אייביקן כף־הקלע . . . אין א ים פול איבער די ברעגעס, קאן ער זיך צעברויזן אמאל און צעשווימען און צוריק א רואיקער אריין צווישן זיינע ברעגעס . . . אבער אזוי מיט מיין אייביקן געשווים . . . יא, דעם טאטנס דערציילן פון זיידן . . . זיין וועלן אוועק פונם פילפול! ער האט געוווסט וואוהין ער צילט, ער איז דאך געגאנגען צו א באשטימטן ציל . . . וועל איך אים דערגיין?

מיר קומען צו צו א טייכל, לאזט מיך אפ די ווארעמע האנט און דער לאנגט מיר אפאר גומענע שטיוול. האב איך מיך אין בידע זאכן געכאפט: שנעל זיי אנטון, אן אווארט ארויסצורעדן, ווייל מיר מוזן שטיל דאס טייכל אריבערגיין; און פארשטאנען פארוואס כ׳האב נאר מיינע טריט געהערט, ווייל דער וואס גייט מיט מיר, האט זיי שוין אין דער היים אנגעטון. אדורכגעגאנגען דעם „מעבור יבוק״, דערהער איך זיין קול: „מיר זענען דא אויף דער אנדערער זייט. דו קענסט מיך דאך, איך בין בנימינטשיק, אברהם יידלס״.

כ׳האב מיך דערפרייט, גאנץ טשעלאדזש איז מיר געשטאנען פאר די אויגן: „און וואס מאכט אברהם, יוסף עפשטיינס און סראלקע דעם שוחטס?״

„אברהם עפשטיין האט חתונה געהאט, זיין ווייב איז א שייטל־מאכערקע, א פריזירקע. אברהם איז א גאנצער חבר־לאפ מיטן מורה־הוראה און דער יושב ראש פון די שומרי אמוני ישראל. סראלקע האט געארבעט אויף א קאפאליניע, אין א קאטאסטראפע האט מען אים א לעבעדיקן ארויסגעראטעוועט און אים אפגעשניטן די צוויי צעקוועטשע פיס״.

דאך ער האט עס דערגרייט צו ארבעטן אונטער דער ערד אויף דער קאפאליניע . . . תמיד געשטרעבט, ער וועט אנטלויפן, גיין מיט א לאמפ און מיט א בלוי טיי־טשייניקל״ . . .

בשעת כ׳דערמאן מיך דאס, און וויל אים נאך ווייטער פרעגן הער איך אים ריידן: „דודל דער אלמנהס, דוד זיטמאן, א גאנצער קנאקער, א שרייבער אין די גאזעטן, א פאעט מיט לאנגע האר, ער וואוינט אין לאדזש, ווען ער קומט אהיים״ . . .

מיר זענען צוגעקומען צו א בריטשקע מיט איין פערד. בנימינטשיק רעדט מיט וועם אויף דער קעלניע. וואס איך האב פארשטאנען פון דעם שמועס איז געווען: „דעם הערן ראבינער״, „בויטן״.

פון די צוויי ווילד־יאגנדיקע מעת־לעתן, נישט געשלאפן, נישט דערעסן, פון די ווילד־משוגענע דמיונות איצט באפאלן אין א פרעמד לאנד, איינער אליין מיט א גויאישן קוטשער אין טאפנדיקן חושך, בין איך איינגעשלאפן אויף דעם ווייכן געזעס אויף דער וויגנדיקער בריטשקע, און אין דעם ריטמישן פיר־פיסיקן געקלאפ אויף דעם גוט־ברוקירטן שאסיי — ארייגעפאלן אין עפעס א ווייטן חלום.

---

## ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון״

---



אהרן ר. ראלין

# וולאדימיר גראסמאן — אכציק יאר

די יארן, אין וועלכע גראסמאן האט געלעבט פון 1884 ביז היינט, זיינען די אינטערעסאנטסטע און העכסט טראגישע יארן אין דער לאנגער יידישער געשיכטע זינט דעם חורבן בית־שני.

וולאדימיר גראסמאן האט פאר איבער זעכציק יאר גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דעם קולטורעלן, עקאנאמישן און גייסטיקן אנטוויקלונג פון די יידישע מאסן. ער האט אויך פארנומען א פירנדיקע פאזיציע אין דער הילפס־ארבעט פאר די יידישע קרבנות פון די צוויי גרויזאמע וועלט־מלחמות אין איצטיקן יארהונדערט.

וו. גראסמאן איז געבוירן געווארן אין טעמריוק, א קליין קאזאקן־שטעטל אין קובאנער געגנט, ווייט פון תחום־המושב, וואו די מאסן יידן האבן געוואוינט. אבער אין דעם היז, וואו וולאדימיר און זיין אינגערער ברודער, מאיר גראסמאן ע״ה, האבן פארבראכט זייערע קינדעריארן, איז געווען א העכסט יידישע אטמאספערע. זייער פאטער, ר׳ אליהו, האט אמאל געלערנט אין דער סלאנימער ישיבה, אויסגעוואקסן אין דער סביבה פון ליובאוויטשער חסידים אין ניקאלאיעוו, און באזעצט זיך אין טעמריוק ווען א גרופע יידן איז דערלויבט געווארן צו וואוינען דארט.

וו. גראסמאן שרייבט אין זיין אויטאביאגראפישן בוך, „אמאל און היינט״, אז אחוץ משולחים פון ווייטע ישיבות פלעגן דא אין שטעטל קומען יידן סוחרים פון פוילן, פון קיעוו, פון אדעס, עסן ביי אונדז און פארברענגען אין אונזער הויז לאנגע אוונטן אין פלפול־שמועסן מיטן פאטער. האט מען געעפנט און אנגעלייגט אויפן טיש ספרים אויף ספרים. עס איז געווען קלאר, אז דאס רוב האט געקענט גוט לערנען.

ווען ער איז אלט געווען צען יאר, פארט וו. גראסמאן קיין קערטש, א שיפן־האפן־שטאט אין קרים, ארייצוטרעטן דארט אין דער גימנאזיע. עס נעמט אייניקע יארן, דורך דער פראצענט־נארמע פאר יידן, ביז ער טרעט אין זעקסן קלאס און באקומט זיין מאטריקולאציע. דערווייל קומט פאר דער קישינעווער פאגראם, וואס האט געמאכט אויף אים א שוידערלעכע ווירקונג, און ער העלפט ארגאניזירן די „סאמאאבאראנא״ (זעלבסטפארטיידיקונג) אין קערטש. אין דעם פאגראם, וואס האט אויסגעבראכטן דארט, זיינען אייניקע פון זיינע חברים לעבן אים אדער דערשאסן אדער פארוואונדעט געווארן פון מיליטער, וועלכע האבן געהאלפן די פאגראמשטשיקעס.

גראסמאן פארט אוועק ווייטער שטודירן אין אויסלאנד, און טרעט אריין אין אגראנאמישן פאקולטעט אין בערלין, וואו ער פארבלייבט אפאר יאר.

דערווייל איז אין רוסלאנד פארגעקומען די אקטאבער־רעוואלוציע פון 1905, וועלכע איז דערשטיקט געווארן אויף א ברוטאלן אופן; און עס האבן זיך אנגעהויבן די שרעקלעכע פאגראמען אויף יידישע שטעט און שטעטלעך, וועלכע האבן ארויפגעווארפן א שרעק און א יאוש אויף די יידישע מאסן. דער אימפעט צו עמיגרירן און אנטלויפן פון רוסלאנד האט זיך אלץ מער פארשטארקט צווישן יידן.

גראסמאן קומט צוריק אין רוסלאנד, טרעט אריין אין אדעסער אוניווערזיטעט און מיט א יאר שפעטער אין פעטערבורגער אוניווערזיטעט אויפן יורידישן פאקולטעט.

באלד נאך זיין אנקומען אין פעטערבורג, ווערט ער אויך איינער פון די געהילף־סעקרעטארן פון יק״א. פעטערבורג איז דאמאלסט געווען דער צענטער

פון יידישער הילפס־ארבעט פאר דער גאנצער יידישער באפעלקערונג אין דער רוסישער אימפעריע, אונטער דער אנפירערשאפט פון אזעלכע בארימטע מענטשן, ווי באראן גינסבורג, פראפעסאר ברוצקוס, ד״ר בראמסאן און אנדערע. עס איז אויך געווען דער קולטורעלער צענטער, וואו ס׳איז דערשינען די גרויסע יידישע טאג־צייטונג „דער פריינד" און צוויי איינפלוסרייכע רוסיש־יידישע וואכנבלעטער — „ראזסוויעט" און „נאווי וואסכאד". אין פעטערבורג איז נאך מיט יארן פריער (אין 1880) געגרינדעט געווארן די וועלט־בארימטע ארגאניזאציע „ארט" ווי אויך „אזע" און „מפיצי־השכלה".

אט אין דער סביבה איז גראסמאן אריינגעטרעטן אלס יונגערמאן און באלד געמאכט א נאמען פאר זיך. עס זיינען געווען פיר אפטיילונגען אין יק״א: 1) א הילף פאר עמיגראנטן, 2) ליי און שפאר־קאסעס, 3) פאך־אויסבילדונג און 4) שטיצן לאנדווירטשאפט ביי יידן.

גראסמאן האט זיך באשעפטיקט מיט הילף פאר עמיגראנטן, און צוליב דעם האט ער געדארפט אפט ארומפארן איבער די שטעט און שטעטלעך פון ליטע און פוילן און אויך אין די דייטשע און עסטרייכישע פלעצער, וואו די עמיגראנטן פלעגן קומען נאך דעם ווי זיי זיינען אריבער דעם גרענעץ.

די ארבעט האט זיך אזוי פארשפרייט, אז שפעטער איז צוגעקומען א נייער געהילפס־סעקרעטאר, דער יונגער סטודענט זלמן רובאשאוו, דער הייניקער פרעזידענט פון ישראל — זלמן שזר.

גראסמאן שרייבט אין זיין בוך: „קיין שום אוניווערזיטעט, קיין שום בוך, קיינע שילדערונגען וואלטן מיר ניט געעפנט די אויגן אויף דעם דאמאלסטיקן צושטאנד פון דעם יידנטום אין דער גאנצער וועלט, גאנץ באזונדערס אויף דער לאגע פון רוסישן יידנטום, ווי די ארבעט אין דעם צענטראל־קאמיטעט פון יק״א.

ער ווערט רעדאקטאר פון דעם צוויי־וועכנטלעכן זשורנאל „דער יידישער עמיגראנט", ארויסגעגעבן פון יק״א, און דער קארעספאנדענט פון דער שטארק פארשפרייטער, ווארשעווער צייטונג „היינט". ער ווערט אויך א מיטארבעטער אין דער גרויסער מאסקווער, ליבעראלער צייטונג „אוטרא ראסיא", וועלכע דרוקט זיינע טעגלעכע ארטיקלען וועגן די זיצונגען אין דער „דומע", אונטער דעם „קעפל „איינדרוקן" (וופיעטשאטליעניא).

זיינע ארטיקלען אין רוסיש און יידיש ווערן זייער פאפולער. אין זיינע דעראינערונגען שרייבט גראסמאן: „די דומע, דער רוסישער פארלאמענט, איז געווען מיין אמתער רוסישער אוניווערזיטעט. דארט האב איך דערזען דעם ריכטיקן, ניט־געפודערטן פנים פון דעם רוסישן פאלק; באגעגנט דאס שענסטע, וואס רוסלאנד האט געהאט און דאס ווילדסטע, דאס געמיינסטע, דאס בארבארישע און אזיאטישע, וואס האט ווי א ים איינגעזאפט אין זיך דאס ערשטע און עס צונישט געמאכט".

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האט אויסגעבראכן, אין 1914, איז גראסמאן אריינגעטרעטן אלס סאניטאר אין רויטן קרייץ־אפטיילונג און קומענדיק אין די פעלד־לאזארעטן ביים פראנט, האט ער פון נאענט געזען דעם גרויסן חורבן פון רוסישן פאלק און, ספעציעל, די טראגעדיע פון די יידן, וועלכע האבן געוואוינט אין די שטעט און שטעטלעך ניט ווייט פון די גרעניצן, וואו די שלאכטן זיינען פארגעקומען.

די רוסישע רעגירונג און די פירערשאפט פון דער רוסישער ארמיי זיינען געווען אין גאנצן פארפוילט און קארומפירט. די מיליאנען רוסישע סאלדאטן האבן ניט געהאט קיין פאסיקע געווער און קליידער צו קעמפן אנטקעגן די גוט־ארגאניזירטע און גוט־באקליידטע דייטשע און עסטרייכישע מיליטער, און געליטן שרעקלעכע מפלות.



אבער די אנפירער פון דער מלחמה, דער ווילדער גרויספירשט ניקאלאי ניקאלאיעוויטש און גענעראל יאנושקעוויטש, האבן פארענטפערט זייערע מפלות דורך באשולדיקן די יידן אין שפיאנאזש און סאבאטאזש. זיי האבן ארויסגעגעבן א באפעל ארויסצוטרייבן תיכף ומיד זעקס הונדערט טויזנט יידן פון די גרעניץ־געגנטן; אלע אן אויסנאם, מענער, פרויען און קינדער; יונגע און אלטע, געזונטע און קראנקע; אפילו די, וועלכע זיינען געלעגן אין שפיטאלן.

הונדערטער פראכט־וואגאנען, אנגעפילט מיט צענדליקער טויזנטער יידן, האבן זיך געשלעפט אין די טיפעניש פון רוסלאנד און סיביר; און א גרויסע צאל איז געשטארבן פון קראנקהייט, הונגער און קעלט.

אין אויסלאנד האט מען ניט געוואוסט גענוי פון די שרעקלעכע ליידן פון די יידן אין רוסלאנד, ווייל די צענזור איז געווען שטרענג און גארנישט דורכגעלאזן.

גראסמאן האט צונויפגעקליבן די פאקטן און איינצלהייטן פון יידישן חורבן אין רוסלאנד און אוועקגעפארן אין 1915 אין קאפענהאגן, וואו עס האט זיך שוין געפונען א היפשע צאל מזרח־אייראפעאישע יידן, צווישן זיי אויך פראמינענטע יידישע שרייבער און כלל־טוערס.

ער האט ווייטער געארבעט אלס קארעספאנדענט פון דער מאסקווער צייטונג, און זיך באפריינדעט מיט די גרויסע דעניש־יידישע שרייבערס, געארג בראנדעס און אנרי נאטאנזאן. ער איז אויך געווארן א מיטארבעטער אין דער גרויסער דענישער צייטונג „פאליטיקען", וואו ער האט געשריבן מוטיקע ארטיקלען, אטאקירנדיק די רעאקציאנערישע, צארישע רעגירונג. ער האט אויך א שטארקן אנטייל גענומען אין זאמלען פינאנציעלע שטיצע פאר די נויטבאדערפטיקע פוילישע און ליטווישע יידן.

אבער גאר וויכטיק איז געווען זיין מיסיע צו באקאנען די אויסערלעכע וועלט מיט די שרעקלעכע באהאנדלונג פון די יידן מצד דער רוסישער רעגירונג. אט וואס ד״ר יוסף קרוק, צו יענער צייט א לאנדאנער, שרייבט וועגן דעם אין אן ארטיקל אין דער „פרייע ארבעטער שטימע" אין ניו־יארק: „מיר אין ענגלאנד, ווי בכלל די יידן מחוץ רוסלאנד, האבן געוואוסט, אז אין רוסלאנד קומען פאר שרעקלעכע זאכן, אבער איינצלהייטן זיינען ניט געווען באקאנט. און אט איז געשען א וויכטיקע זאך. דער יונגער רוסיש־יידישער זשורנאליסט — וולאדימיר גראסמאן — האט צוזאמענגעקליבן אסך וויכטיקן מאטעריאל און אויף א קאנספיראטיווון אופן עס איבערגעשיקט קיין לאנדאן. ווען איך האב באקומען די דאזיקע מאטעריאלן, האב איך צוזאמענגערופן א קליינע באראטונג פון רוסישע און פוילישע יידן. צו דער זיצונג איז געקומען נחום סאקאלאוו, אחד־העם, דער מאלער פיליכאווסקי און נאך עטלעכע אינטעליגענטן. די מאטעריאלן האבן געמאכט א שטארקן רושם. די אנטיילנעמערס האבן געפרעגט ווי מען קען האבן צוטרוי צו די מאטעריאלן, און איך האב דאן געזאגט ווער עס האט זיי געשיקט.

„נחום סאקאלאוו האט תיכף געזאגט, אז אויב וולאדימיר גראסמאן האט זיי געשיקט, קען מען האבן צו דעם פולשטענדיקן צוטרוי, ווייל ער איז א גוט־אינפארמירטער און קאמפעטענטער זשורנאליסט".

אויפן פארשלאג פון אחד־העם איז ד״ר קרוק אוועק מיט דעם מאטעריאל צו ישראל זאנגוויל, וועלכער איז געווען טיף צעטרייסלט דורך דעם. זאנגוויל האט אויסגענוצט דעם מאטעריאל פאר א מוטיקער פרעסע־אקציע און פאר זיין בארימטן רעפעראט, אויף וועלכן עס זיינען געווען די חשובסטע ענגלישע שריפטשטעלער און עסקנים.

לענגער האט מען שוין ניט געקענט פארשווייגן אין ענגלאנד וועגן דער אמתער לאגע אין רוסלאנד. זאנגוויל האט אויך געשריבן וועגן דעם א סעריע ארטיקלען אין אן אמעריקאנער צייטונג.

דאס איז א גרויסער פארדינסט פון וולאדימיר גראסמאן אין דעם שווערן

היסטארישן קאמף קעגן דער יידישער שקלאפעריי אין רוסלאנד.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האט גראסמאן געוואוינט אין פאריז אסך יארן. ער האט ליב געהאט מיט אלע זיינע אברים די שטאט פאריז און אנגעשריבן א באגייסטערטן בוך וועגן דער שטאט אין יידיש. אבער קיין יידישן פארלעגער האט ער ניט געפונען. האט ער דאך בוך אפגעדרוקט אויף העניש אין א גרויסן קאפענהאגענער פארלאג, וועלכער האט פריער געדרוקט זיינע ביכער וועגן אלטן און נייען רוסלאנד. שפעטער־צו האט ער פאר דעם בוך „פאריז" באקומען אן אינטערנאציאנאלן פרייז פון דער פראנצויזישער רעגירונג.

אין פאריז האט ער רעדאגירט די ערשטע דארטיקע טאג־צייטונג „פאריזער היינט", וועלכע איז געווען גוט־פארשפרייט. שפעטער־צו האט ער פאר א קורצער צייט ארויסגעגעבן א קונסט־צייטונג מיטן נאמען „זיבן טעג אילוסטרירט", געגרינדעט די פאריזער אפטיילונג פון דער יידישער טעלעגראפן־אגענטור, איט"א, און מיטגעהאלפן אין אלע קולטורעלע און פראגרעסיווע אונטערנעמונגען.

אין 1936 באקומט גראסמאן אן אויפטראג צו גרינדן אן „ארט"־ארגאניזאציע אין קאנאדע, און די ארבעט דארט האט אים שטארק באפרידיקט.

א גרויסן גייסטיקן פארגעניגן האט ער אויך געהאט פון זיין זשורנאליסטישער און שרייבערישער טעטיקייט. ער האט רעגולער מיטגעארבעט אין דער ענגלישער צייטונג, „מאנטרעאל געזעט"; און דער בארימטער ענגלישער פארלאג, מאקמילען, האט ארויסגעגעבן אין 1944 זיין בוך, „פאן־גערמאנישער שפינוועב", וואס איז זייער גוט אויפגענומען געווארן אין קאנאדע און אין ענגלאנד. פאר דעם בוך האט ער שפעטער באקומען אן אויסצייכענונג, דעם „קעניג קריסטיאן פרייהייטס־מעדאל", פון דער דענישער רעגירונג.

היינט וואוינט דער אכציק־יאריקער וולאדימיר גראסמאן אין דער שווייץ און איז נאך אלץ שטארק באשעפטיקט מיט זיינע סאציאלע און ליטערארישע ארבעטן. זיינע רעגולערע ארטיקלען אין „אונזער שטימע" פון פאריז און אין דער „פרייע ארבעטער שטימע" פון ניו־יארק, ווערן געלייענט מיט גרויס אינטערעס און צופרידנקייט.

פון זיינע ביכער אין יידיש, זיינען אמבעסטן באקאנט „אמאל און היינט", א גאר אינטערעסאנט מעמואריסטיש בוך און „געארג בראנדעס און פעטער קראפאטקין", א בוך, וואס באלייכט די צוויי גרויסע גייסטער פון נייניצן יארהונדערט.

איצט ווערט פארטיק אין פאריז א נײַ בוך פון וולאדמייר גראסמאן, „מענטשן און פראבלעמען", מיט אפהאנדלונגען וועגן אקטועלע פראגן און באַרימטע פערזענלעכקייטן. אין א בריוו, וואס איך האב ניט לאנג צוריק דערהאלטן, שרייבט מיר וולאדימיר גראסמאן, אז ער דענקט דאס וועט זיין דאס לעצטע בוך פון אים. לאמיר האפן, אז ער מאכט א טעות און ווינטשן אים נאך אסך יארן פון קולטורעלע און שרייבערישע טעטיקייטן.

---


מיט באשטעלונגען פארן בוך שרייבט צו:

Yivo Institute, 4 Devonshire St., London, W.1. Tel.: MUSeum 9253.


---

## יידיש - ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

אין בערנער סטר. 33, בערנארד באראן סעטלמענט — שבת — 3 אזייגער

שבת, דעם 5'טן דעצעמבער — חנוכה־פראגראם.

שבת, דעם 12'טן — א פארטראג: די פאלישע־לאגע — סעם לעף.

שבת, דעם 19'טן — יידישע קולטור אין לאנדאן — סאך־הכל בילאנס.



# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5־4 (העפט 1־400) זעקס און צוואנציקסטער יאר אפר.־מאי 1965 לאנדאן


אינהאלט:


פרץ־פארטרעט (פאטא) ........ 2

צו דער 50'סטער יארצייט פון י. ל. פרץ (פרץ אונזער ציענדיקער נישט אויסגייענדיקער ניגון) ........ (° 3

א כליזמר טויט (דערציילונג) ........ ל. פרץ 5

ר' שלמה פון די גאלדענע קייט (פראגמענט) ........ י. ל. פרץ 8

מיין נישט (ליד) ........ י. ל. פרץ 9

ביים אוהל־פרץ (פאטא) ........ 10

האפענונג און שרעק (עסיי) ........ י. ל. פרץ 11

דער דיכטער איז אוועק אויף זיין אייביקן וועג, א לויב צו אייך (צוויי לידער) ........ מנחם שטערן 13

אלמעכטיגער, יאוש (צוויי לידער) ........ שמואל וודהייט 13

אן שום ווידערשטאנד? ........ מאיר באגדאנסקי 14

צו א חבר (ליד) ........ שמעון וואוזעק 17

פאר זיי . . . (ליד) ........ עלע זילבערג 18

מיינע טויטע, מצה (צוויי לידער) ........ יוסף לעפטוויטש 19

די אלט־נייע הגדה של פסח (עסיי) ........ י. ריכטיגער 20

דער ווײַ סימבאל ביים סדר (ליד) ........ א. ב. לאנדסמאן 23

אליהו הנביא'ס כוס (באלאדע) ........ י. ה. לעווי 24

א גאסט אויף א ווייל (הומארעסקע) ........ משה בעקערמאן 27

א פראטעסט פון די מלאכים (סאטירע) ........ ה. פאצאנאווסקי 30

אויף דער גרענעץ (פראזע), 19'טער אפריל 1965 (לידער און סטראפעס) ........ א. נ. שטענצל 31

צו מיין קינד (ליד) ........ עלזע לאסקער־שילער 52

דער נביא (ליד) ........ פושקין 52

א מלאך (ליד) ........ לערמאנטאוו 53

צו די פוילישע יידן (ליד) ........ יאסף וויטלין 54

פון אנהויב איז געווען מורא (עסיי) ........ נ. מ. סידא 56

י. י. שווארץ (צו זיין ווערן א בן שמונים — עסיי) ........ יחזקאל בראנשטיין 59

מיין בן עיר פישל בימקע ז"ל (נעקראלאג) ........ ש. י. דארפזאן 61

„זיג" אין וויעטנאם (האלץ־שניט צייכענונג) ........ פ. 63

לאנדאנער קולטור ידיעות ........ 63

יידיש ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס ........ 64



רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.* 129-131 *Cavell Sreet, London. E.1*